קענען מיר נאָך מוחל זיין דעם עולם פאַר זייער אומוויסן אָבער דער חושבער רב? צי ווייסט ער דען נישט, אַז ה־ע־פּ מיינט „הערוזאַלעם עסט פּעדיטאַ" (ירושלים איז באַזיגט), דער טריומף־געשריי פון די רוימער, מיט וועלכן די קרייצטרעגער האָבן זיך געוואָרפן אויסצושעכטן די יידישע קהילות אין מערב־אייראָפּע אויף זייער וועג צו אויסלייזן דעם קרבן פון געקרייצטן.

דאַרפן דאָך אונדזערע רבנים זיין אונדזערע וועגווייזער... איז „העפּ, העפּ" אַ באַשיינונג פאַר אַ יידישע שמחה אין די היינטיקע טעג?

## אַ סימפּטאָם אָדער בלויז אַ צופאַל?

אויף דער לעצטער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון וויקטאָריער „באָרד אָף דעפּיוטיס" איז געשען אַן אויסטערלישער פאַל. צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון באָרד איז אַלס פאָרשטייער פון באָרד צו דער פאַרוואַלטונג פון מאָנט סקאָפּוס קאָלעדזש אויסגעוויילט געוואָרן נישט קיין מיטגליד פון מזרחי.

ווייסן מיר נישט צי דאָס איז געווען בלויז אַ צופאַל, אָדער איז עס אַ סימפּטאָם פון ענדערונגען, וואָס קומען פאָר אין וויקטאָריער „באָרד אָף דעפּיוטיס".

אָפּט מאָל איז אַ צופאַל אויך אַ סימפּטאָם!

## צו וואָס די „אַלטע שנאה"?

אין אַרטיקל פון י. סאָלוויי „ציוניזם און ראַסיזם" אין די „מעלבורנער בלעטער" (מערץ 1976) געפינען מיר דעם פאָלגנדיקן אָפּזאַץ:

„און דאָ, אומדערוואַרט — האָבן מיר באַקומען נייע „פריינד" — דאָס איז דער „בונד": דער „בונד", וועגן וועלכן מיר האָבן געמיינט, אַז עס איז נישטאָ מער מיט וועמען צו קעמפן, אַז די אַלטע שנאה איז פאַרביי, און מען קען קוקן פאָראויס. עס הייבט זיך גאָרנישט אָן. די ערשטע געלעגנהייט, ווען עס איז געגעבן געוואָרן צו טאָן עפּעס — איז דורכן „בונד" אויסגענוצט געוואָרן דווקא איצט, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער רעזאָלוציע פון דער יונ"אָ. מיט אַ מאָל האָט מען דערהערט, אַז איניקע פּראָטעסטירן קעגן דעם, אַז פעלקער זענען פּראָ־ציוניסטיש, וואָס דאָס איז אין גאַנצן נישט ריכטיק. אויב יידן, דער „בונד", קען זיין קעגן ציוניזם — פאַר וואָס קענען אַנדערע — נישט־יידן, נישט זיין קעגן ציוניזם?"

האָבן מיר עטלעכע מאָל איבערגעלייענט די דערקלערונג פון קאָאָרדיניר־קאָמיטעט פון „בונד" קעגן דער „יו־ען" רעזאָלוציע און נישט געקענט געפינען דאָרטן קיין פּראָטעסט קעגן פעלקער וואָס זענען פּראָ־ציוניסטיש, דאַקעגן ווייזט די דערקלערונג אָן, אַז „די רעזאָלוציע פון „יו־ען" קען אויסגענוצט ווערן פאַר אַנטיסעמיטישע ראַסיסטישע צוועקן" און ווייטער, אַז „דערקלערן דעם ציוניזם אַלס פאָרם פון ראַסיזם און ראַסיסטישע דיסקרימינאַציע איז דורכאויס פאַלש און שטימט נישט לחלוטי מיטן אמת", און ווי אויך „אַלע רעגירונגען, וואָס האָבן געשטימט פאַר דער רעזאָלוציע, זענען נישט קיין דעמאָקראַטישע געוויילטע, נאָר דיקטאַטאָרישע, וואָס אונטעדריקן די באַפעלקערונג ביי זיך אין לאַנד און פיל פון די האָבן אַ שענדלעכן רעקאָרד פון דיסקרימינאַציע לגבי זייערע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן".

די היסטאָרישע דערפאַרונג האָט אונדז געלערנט, אַז מר. סאָלוויי איז גערעכט ווען ער שרייבט: „ווען עס קומט צו יידן, מאַכן די אַנטיסעמיטן נישט קיין אונטערשייד צווישן ציוניסטן, בונדיסטן און אַנדערע יידן" — אויב אַזוי, דאַרפן מיר דאָך אַליין נישט אויפלעבן די „אַלטע שנאה".

ס'איז זייער וויכטיק צו געדענקען און קאָנען אונטערשיידן וואָס איז „שנאה" און וואָס זענען אידייאישע אונטערשיידן. דאָס יידישע לעבן האָט דורך טויזנטער יאָרן שטענדיק געהאַט אידייאישע און רעליגיעזע וויכוחים.

זאָגט מען דאָך, אַז דאָס גאַנצע יידישקייט האַלט זיך אויף אַ דאַנק דעם שטרייט צווישן בית־הלל און בית־שמאי!

דאַרף מען נישט דאָס ריינע אַריינגיסן אין אומריינעם!

# חשובע געסט אין מעלבורן

## יעקב ראַטבוים

אַרטיסט, רעזשיסער, מאָלער, לערער — די אַלע אייגנשאַפטן צוזאַמען גענומען באַדייטן ברייטע קינסטלע־רישע האָריזאָנטן, קולטור־ניוואָ און אַרומנעמענדיקע גייס־טיקע פּערזענלעכקייט.

י. ראַטבוים געפינט זיך אין מעלבורן, ווי דער גאַסט פון „קדימה" און דוד הערמאַן טעאַטער. זיין הויפּט־אויפ־גאַבע: איינשטעלן, רעזשיסירן טעאַטער-פאָרשטעלונגען. אָנגעלאַדן מיט אַ וואָגיקן קולטור־באַגאַזש, האָט י. ראַטבוים שוין אין צווישן באַוויזן צו געבן וואָרט־קאָנצערטן, רעפע־ראַטן פון אָריגינעלער אויספירונג און אינטערפּרעטאַציע.

מיר וועלן באַשטימט אויך האָבן אַן עסטעטישן גענוס פון י. ראַטבוימס בילדער־אויסשטעלונג אין זאַל פון דער „קדימה" — נעמענדיק אין באַטראַכט די צוויי בילדער, רעפּראָדוצירט אין די „דזשואיש ניוס".

דער הויך־פּונקט פון זיינע אויפטוען, וועט וואַרשיינ־לעך זיין אַ פאָרשטעלונג: „די ירשים" (לויט שלום־עליכם) וועלכע מיר דערוואַרטן מיט נייגער און אומגעדולד. אין אונדזער קליינעם, יידיש־רעדנדיקן ישוב ברענגט יעקב ראַטבוימס דאָ זיין אַריין אַ גייסטיק־קולטורעלע אָפּפרישונג.

## יצחק קאָרן

מיט זיין עקשנות האָט י. קאָרן צעוויגט דעם יידיש־וועלטלעכן, ליטעראַריש-געזעלשאַפטלעכן ים — וואָס האָט שוין געהאַלטן ביים ווערן — דער צווייטער ים המלך.

יצחק קאָרנס איינגעשפּאַרטקייט, אויפצוטאָן דווקא עפּעס פאַר יידיש־לשון אין וועלט-מאַסשטאַב, איז לויט אַלע איינגעפונדעוועטע באַגריפן — מחוץ לדרך הטבע. (ווייל דער געפּלאַנטער יידיש־קאָנגרעס זאָל פאָרקומען דווקא אין דער סאַמע העברעאישסטער שטאָט — ירוש־לים.) מיר דערוואַרטן אַ סך פון דעם קאָנגרעס. אָבער, ווען אפילו נישט אַלע אונדזערע דערוואַרטונגען וועלן מקוים ווערן, איז אָבער די אָפּגעטאָענע אַרבעט אַרום דעם קאָנ־גרעס פון גאָר וויכטיקער באַדייטונג, און י. קאָרנס אָנ־שטרענגונג — אומאָפּשאַצבאַר.

מעלבורן וועט זיין רעפּרעזענטירט מיט 17 דעלעגאַטן און דאָס אַליין רעדט שוין פון י. קאָרנס אויסטויגעוודיקייט צו אָרגאַניזירן און אינספּירירן — צוצוגעבן שוואונג און אָנזען דעם קאָנגרעס.

געוויס, אַ קליינע גרופּע אין יידישן לעבן (די 80־85 יאָריקע), וועלכע פּרובירן דאָ און דאָרט אַ פּאָכע טאָן מיט אַ פּאָר ציטאַטן פון דער אָדער יענער צייטונג, כדי צו באַ־ווייזן, אַז דער קאָנגרעס איז נישט דאָס וואָס מען זאָגט אַז ער איז — איז נאָך אַ באַווייז אין זייער אומפּעאיקייט עפּעס אויפצוטאָן אין יידישן לעבן, אַפילו דאַן ווען זיי זענען געווען מיט 20 יאָר יונגער האָבן זיי אַלע זייערע גייסטיקע כוחות אָפּגעגעבן צו סטימולירן נעגאַציע. דווקא אין ליכט פון אָט דער נעגאַציע איז קאָרנס דורכברוך אין דער געזעלשאַפטלעכער אַפּאַטיע אין יידישן לעבן אַ וויכ־טיקער אויפטו — און יצחק קאָרן פאַרדינט אונדזער אָנערקענונג.

## חיים לאַזאַר

די אַנטי־נאַצי קעמפער פון צווייטן וועלט־קריג, ספּע־ציעל די יידישע פּאַרטיזאַנער, זענען שוין באַצייטנס גע־וואָרן אַ נאַציאָנאַלע לעגענדע, הגם מיט אַ סך פון זיי טרעפן מיר זיך אין טאָגטעגלעכן לעבן.

איינער פון זיי — חיים לאַזאַר — דער ליטווישער בחור, וואָס איז פון אַן אַביטוריענט פון אַ העברעאישער גימנאַזיע געוואָרן אַ וויכטיקער מיליטערישער אָנפירער פון אַ פּאַרטיזאַנער אָפּטיילונג. נישט שייך אָפּצושאַצן זיינע העלדישקייטן און אויפטוען — יעדער פּאַרטיזאַנער האָט אויף זיין חשבון צו פאַרצייכענען וויכטיקע טאַטן.

נאָך דעם אָבער ווי דאָס לעבן האָט מער נישט פאַר־לאַנגט פון חיים לאַזאַר ער זאָל מיט געווער פאַרטיידיקן זיין פרייהייט און דאָס לעבן פון זיינע חברים, האָט זיך דער ליטווישער בחור צוריקגעקערט צו זיין ערשטער ליבע — געשיכטלעכע פאָרשונגען. עס איז דעריבער כדי צו פאַרצייכענען עטלעכע פון זיינע וואָגיקע ווערק, דער־שינען אין העברעאיש: „חורבן און אויפשטאַנד — דאָס אונטערגרונט־לעבן אין ווילנער געטאָ", 416 ז"ז; „די געשיכטע פון דער שטאָט יפה", 302 ז"ז; „אף על פי — די געשיכטע פון דער עליה ב." (אומלעגאַלע עליה), 502 ז"ז; „מסדה של ורשה — די געשיכטע פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד", 364 ז"ז.

חיים לאַזאַר דאַרף אונדז דינען ווי אַ ביישפּיל — וויפיל יידישע גייסטיקע און וויסנשאַפטלעכע ווערטן און דערגרייכונגען זענען נישט צושטאַנד געקומען צוליב דעם חורבן, וועלכער האָט דאָס יידישע פאָלק געקאָסט מיליאָ־נען יונגע לעבנס.

חיים לאַזאַרס אָנטייל אין דער געטאָ־אַקאַדעמיע וועט ברענגען צום אויסדרוק אונדזער פּיין און ווי — ער — דער לעבעדיקער עדות פון אַ פאָלק, וואָס איז טראַגיש פאַרשניטן געוואָרן.

די פּלאַנירטע רעפעראַטן און געזעלשאַפטלעכע מסי־בות וועלן אָן ספק העלפן צו פאַרטיפן דעם נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין פון אונדזער ישוב און אים ענגער צונויפ־בינדן מיט דער טראַגישער פאַרגאַנגענהייט, הגם חיים לאַזאַר ברענגט אונדז אויך אַ דערהויבענעם גרוס פון דער צוקונפט — מדינת ישראל.

מאַרק א.

# יאָסל וואַרשאַווסקי־דאַרעמבוס

אויפן וואונטש פון פריינד דאַרעמבוס (מעלבורן) און אייניקע פריינד פון זיין ברודער, וועלכער איז אומגעקומען אין אויפשטאַנד, אין לאַגער בירקענאַו, ברענגען מיר די קורצע פאַרצייכענונג.—רעדאַקציע.

געבוירן אין 1905, ביי אָרעמע עלטערן, הויבט ער גאָר יונג אָן זיך צו לערנען קאַמאַשן־שטעפּעריי. ער אַרבעט אין וואַרשע, וואו ער ווערט אַקטיוו אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג. מען טרעפט אים אָפט אויף די אומלעגאַלע אַרבעטער בערזעס פון ניזקע־סטאַווקע.

צוליב רדיפות מצד דער פּוילישער געהיים־פּאָליציי קומט יאָסל וואַרשאַווסקי אין 1931 קיין פּאַריז, וואו ער ווערט גלייך טעטיק אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג. ער ווידמעט זיינע כוחות צו אָרגאַניזירן און אַנטוויקלען אַ פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג צווישן די יידישע אַרבעטער, וועלכע זענען נאָך דעמאָלט שוואַך אָרגאַניזירט. ער ווערט איינער פון די אַקטיווסטע טוער פון דער אינטער־סינדיקאַלער קאָמיסיע. נישט געקוקט אויף זיין שוואַכן געזונט־צושטאַנד און שווערער מאַטעריעלער לאַגע, אַרבעט ער לטובת די יידישע אַרבעטער. נאָך אַ גאַנצן טאָג אַרבעט ווידמעט ער די אָוונטן אויף פאַרשידענע פאַבריק־פאַרזאַמלונגען און זיצונגען. אָפט לאָזט ער שטיין די אַרבעט, כדי צו דערלידיקן וויכטיקע פּראָפעסיאָנעלע פּראַגן. באַזונדערס באַליבט איז וואַרשאַווסקי ביי „זיינע" שיך־אַרבעטער, וועמען ער גיט זיך אָפּ מיט אַ באַזונדערן אינטערעס.

ער האָט אין די שפּעטע אָוונט־שעהן, נאָך די זיצונגען פיל געלייענט און געלערנט. אַ שטילער, איידעלער, האַרציקער חבר, האָט יאָסל געהאַט אַ גרויסן אויטאָריטעט. די אַרבעטער פלעגן זיך צו אים צוהערן מיט דרך־ארץ און פריינטשאַפט.

ווען עס ברעכט אויס דער קריג, מעלדעט ער זיך פריייוויליק אין דער פראַנצויזישער אַרמיי, צו קעמפן קעגן היטלער־דייטשלאַנד. ער פאַלט אַריין אין געפאַנגענשאַפט פון וואַנען ער ווערט באַפרייט צוליב זיין געזונט־צושטאַנד. ער קומט צוריק קיין פּאַריז, אין סוף 1940 איז ער אויפסניי טעטיק אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג אַלס איינער פון די אָנפירער פון דער אומלעגאַלער אינטער־סינדיקאַלער קאָמיסיע.

ווען מען האָט אָנגעהויבן צו אינטערנירן יידן, אין מאַי 1941, איז יאָסל צווישן די ערשטע וואָס אָרגאַניזירן הילף פאַר די פאַמיליעס פון די אינטערנירטע אַרבעטער. ער גרינדעט ראַיאָן־קאָמיטעטן, וועלכע פאַרנעמען זיך מיט העלפן די קרבנות פון היטלעריזם. נאָך דעם שרעקלעכן פּאָגראָם פון יולי 1942, זעצט ער פאָר אין די שווערסטע באַדינגונגען זיין אַרבעט.

אין פעברואַר 1943 ווערט ער אַרעסטירט צוזאַמען מיט זיין פרוי. זיי ווערן דעפּאָרטירט קיין אוישוויץ

יאָסל וואַרשאַווסקי איז העלדיש אומגעקומען ביים אָרגאַניזירן אַן אויפשטאַנד אין בירקענאַו. אויך זיין פרוי פאָלע איז אומגעקומען.

כבוד זייער אָנדענק!

---

און איך גיב דיר אַ לייכטע אַרבעט, כאָטש דו ביסט עס נישט ווערט... נו, יעצט אוכאַדי!...

ראַבינאָוויטש האָט די נאָרמע געמאַכט. פּילאַטקאָוו איז אַ גאַנצן טאָג נישט געווען אויף דער „דעלאַנקע", מען האָט אים גערופן אין ראַיאָן.

צו מאָרגנס האָט ער געלויבט ר' שלמהס אַרבעט. ער האָט געמיינט, האָט ער אַריינגעוואָרפן אַ בייז שמייכעלע, אַז ראַבינאָוויטש איז אַ זשוליק, אַ לאדער. איצט זעט ער אַז ער איז אַן אָרענטלעכער מענטש, און ווער ווייסט, ער וועט נאָך אפשר אַ מאָל ווערן אַ פאָלנער סאָוויעטישער בירגער!...

דער „קאַנדידאַט פאַרטיי" האָט נישט געאַנט אַז פאַר ר' שלמהן האָט געאַרבעט די גאַנצע בריגאַדע ווען ער איז געשטאַנען ביי אַ בוים און געדאַוונט פון אַ קליין מחזורל. זייערע הענט זענען היינט געפלויגן פלינקער ווי אַלע מאָל. זיי האָבן געהאַקט די ביימער צום ריטעם פון יום כיפּורדיקן מוסף: — אחת... אחת ושתים... אחת ושלוש — לויט דער נישט־ווילנדיקער סקאַנדירונג פון זייער שליח ציבור, ר' שלמה ראַבינאָוויטש.

With Compliments of...

**Darex Fashions**

*LADIES' SPORTSWEAR*

ג ו ט ע  א ו ן  ע ל ע ג אַ נ ט ע
ס פּ אָ ר ט  ק ל יי ד ו נ ג
פ אַ ר  פ ר ו י ע ן

●

333 FLINDERS LANE,
MELBOURNE, 3000

אין קאַרטאָפּל אָנשטאָט לייכטער . . .  ער שטייט איינגע־הילכט אין טלית, און דאָס האַרץ פּלאַצט אים פון צער . . . ריבונו של עולם! . . .  דאָס דאַרף זיין אַן עמוד צו כל נדרי? . . . דאָס איז אַ מקום קדוש? . . .  צי מעג מען גאָר דאַוונען אין אַזאַ וויסטן העק, וואו אין דער לופט הענגט ווי אַ דראָאונג נאָר איין וויסטער געשריי: — נאַדאָ ראַבאָטאָט!...

ער פאַרשטייט נישט דאָס לשון זייערס, אָבער ער פאַרשטייט זייער גוט דעם מיין. זיי ווילן אָפּמעקן, אויס־רייסן מיטן וואָרצל אַלץ וואָס פון פריער. זיי ווילן מאַכן פון אים און פון יעדן איינעם אַ זייעריקן . . . אים אַרט נישט דאָס שטיקל שוואַרץ ברויט וואָס ער קריגט פאַר זיין אַרבעט. ער וואָלט זיך באַנוגענען אפילו מיט דעם פאָסט־נעם ברויט — אַבי מען זאָל אים לאָזן צורו. זיי זאָלן נישט צורויבן ביי אים די רעכט צו זיין דער ווער ער איז.

ער זינגט כל נדרי, שוין דאָס צווייטע מאָל. דער צער פון אומבאַהאָלפנקייט, די ראַפּטעם אויפגעוועקטע בענק־שאַפט נאָך דעם פאַרשטערטן לעבן עפענען אויף אין אים פאַרבאָרגענע קוואַלן, און זיין תפילה האָט אַ שפּאָר געטאָן מיט קראַפט, ווייט איבערן פּאָסיאָלעק, ווייט איבערן וואַלד, און שטייגט העכער און העכער, איבער דער ממשלה פון זיינע באַדריקער.

די מתפללים אין זייערע פּראָסטע אַרבעטס־קליידער, מיט די פוטערנע קוטשמעס אויף די קעפּ זעען אויס אַב־סורדאַל, פּאַטעטיש, אָבער ר' שלמהס מיט ציטער אַרויס־געברומטער „על דעת המקום ועל דעת הקהל" האָט זיי אַלעמען אַרומגענומען און צוגעטוליעט צו זיך, ווי קינדער צו אַ טאַטן אין אַן עת צרה. די פרומע און די נישט גלוי־ביקע צו גלייך, האָבן אין דער רגע דערפילט דאָס פאַר־באָרגענע און נישט דערקלערבאַרע וואָס בינדט זיי מיט דעם ייד אין טלית. ער האָט געעפנט דעם קאַנאַל דורך וועלכן עס האָט געברויזט זייער צאָרן און פּראָטעסט. אין דעם אונטערכאַפּן דורכן עולם דעם אוי... אוי... אוי... דער־שפּירט ד' שלמה אַז ער איז איצט געוואָרן דער שליח ציבור פון זיין און זייער צעבראָכענעם געמיט, אַז עס איז איצט די רגע נישט נאָר פון על דעת המקום, נאָר פון על דעת הקהל — ער רעדט אין נאָמען פון אַן עדה פאַרוואָגלטע און געמוטשעטע יידן.

* * *

פאַרטאָג האָט דער קאָמענדאַנט אים גערופן און באַ־פוילן: — ראַבינאָוויטש, גענוג געלאָדערט אויפן פּאָסיאָ־לעק! . . .  היינט גייסטו אַרבעטן גלייך מיט אַלע אין וואַלד. אויף דער „דעלאַנקע" וועסטו זיך קענען „מאָליען" וויפיל דו ווילסט מיט דיין — האַק! . . . און די נאָרמע זאָלסטו מאַכן, — זיינע אויגן האָבן אַ בליץ געטאָן — אויב נישט וועסטו גיין „פּאָד סוד"!

מיט אַ מאָל האָט די קאָלאָנע זיך אָפּגעשטעלט. מאָדנע רוי האָט אין דער וואַלד שטילקייט אָפּגעקלונגען פּילאַ־טאָווס כריפּעדיק קול: — „פּריבילי"! . . .

די נייע „דעלאַנקע" איז געלעגן ווייט פון טראַקט און איז נאָך נישט געווען באַטראָטן פון אַ מענטשלעכן פוס. איר פרישקייט האָט געאָטעמט מיטן חותם פון בראשית־דיקייט ווי נאָר וואָס אַרויס פון באַשעפערס האַנט. איר נישט באַרירטע שיינקייט האָט געצויבערט מיט איבערער־דישער פּראַכט. די שניי־אָנשיטן האָבן געטורעמט אין אויג פאַרכאַפּנדיקע פאָרמען. פון דערווייטנס האָבן זיי אויסגעזען ווי ריזיקע קעפּ פון פאַנטאַסטישע חיות און פייגל. צווישן די צווייגן האָט דער פּראָסט אויסגעפלאָכטן פון דינע שניי־עלען געוועבן ווי קאָראַנקעס געהאַפטענע פון די בעסטע בעלגישע מייסטערס.

איבער אַלעם האָט געזונגען די שטילקייט. די קאָלאָנע איז זיך פאַנאַנדערגעפאַלן, דער טאָג איז געוואַקסן. צו ערשט האָט זיך אויפן שניי געלייגט אַ וויאָלעטע גרינלעכ־קייט. באַלד איז די גרינלעכקייט אויפן שניי און אויפן הימל אַריבער אין אַ געמיש פון ראָז און גאָלד. די סימפאָניע פון די זיך מיניענדיקע קאָלירן האָט שטום געמאַכט דעם עולם. זיי זענען געשטאַנען מיט די קעפּ פאַרריסן צום הימל אין אַ יראת הכבודיקער פאַרגליווערטקייט פאַר דער פּראַכט פון באַשאַף. פּלוצלונג האָט אַ פלייץ געטאָן מיט גאָלד. עס האָבן אַ בלענד געטאָן די ביימער־קרוינען, די העכערע שניי־אָנשיטן, די זעגן און העק. ר' שלמהס גאַרטל און זיין צונטער־רויטע באָרד האָבן געפלאַמט מיט אַ גאָלדענער רויטקייט.

דורך די מענטשן איז אַדורך אַ געמורמל. מיט אַ מאָל איז נישט געוואָרן דער צויבער פון פריערדיקער שלווה.

— פּראַכטפול! . . .

— גאָטס וואונדער! . . .

— אַזעלכעס האָב איך אין מיין לעבן נישט געזען! . . .

וויגאָדאַ, דער צוקערלעך־מאַכער, איז געשטאַנען מיט פאַרטערטע אויגן און געמורמלט: — אָט אַזאַ קאָליר האָב איך אַלע מאָל געוואָלט מאַכן פאַר די צוקערקעס, קיין מאָל נישט מצליח געווען . . .  איצט, מיין איך, וואָלט איך אפשר יאָ געקענט, אָבער . . .

ער האָט נישט פאַרענדיקט, ווייל די נאָענט שטייענ־דיקע פון אים האָבן זיך צעלאַכט: — וואָס אַ ייד פאַלט איין . . .

פּילאַטקאָוו האָט מיט פאַרזשמורעטע אויגן באַטראַכט זיי פון דער זייט, שפּאָטיש אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ און געשריי געטאָן:

— כוואַטיט וואַם סמאָטריעט! . . .  זאַ ראַבאָטו! . . .

ער האָט געוואָרפן אַן אויג אויף ראַבינאָוויטשן. ער האָט דערבליקט אַז דער אַלטער מאַן איז געשטאַנען אָפּגע־זונדערט אין אַ זייט און געקוקט מיט פאַרטערטע אויגן אַרויף. אַרויף, וואָס נאָר ער אַליין האָט געוואוסט וואו.

— עס איז שיין דאָ, „פּראַוודאַ"? . . . איך זע עס געפעלט דיר... אונדזער לאַנד איז אַ גרויס און אַ שיין לאַנד — נאָר זיי וויסן — די שענסטע זאַך ביי אונדז — איז אויסצופירן דעם פּלאַן! . . .

— היינט וועסטו אָפּשיילן די קאָרע פון די ביימער און זי פאַרברענען. זע, איך האָב איינזען מיט דיינע יאָרן

י. מ. לעווין

# „דער פּלאַן מוז ווערן אויסגעפירט“

דערציילונג

דער באַגינען האָט זיך געשטעלט מיט אַ שטילער קרירה. עס איז געווען יאַנואַר, די צייט פון די גרעסטע פרעסט.

אין דער לופט איז געהאָנגען אַ טויבע שטילקייט אַזוי ווי נעכטן, אייערנעכטן, ווי אין אַ סך פריערדיקע טעג זינט וואָכן.

דאָס ווייסע מאָנאָטאָנע שווייגעניש איז מיט יעדן טאָג געוואָרן געדיכטער, עס האָט איינגעטוליעט דעם וואַלד, די באַראַקן און זיך שווער געלייגט אויפן געמיט. עס האָט זיך געדוכט אַז די ערד האָט אַיינגעהאַלטן איר אָטעם שוין אויף שטענדיק.

די נאַכט האָט געגומען אויסרינען. די שטערן וואָס האָבן נאָר וואָס געפינקלט אויף דעם ערב־פרימאָרגן, הימל האָבן געגומען ווערן בלאַסער, זיך לעשן, און באַלד נישט ווערן אין דער מילכיק־גרויער נעפּלדיקייט.

אין שפּיץ פון דער קאָלאָנע פאַרשיקטע שפּאַנט סערגיי פּילאַטקאָוו, די שרעק פון פאָסיאָלעק. זיינע וואוי־לאָקעס סקריפּן מיט דער פעסטקייט און זיכערקייט פון איינעם וואָס קען זיין שטאַנד און ווייסט זיין אויפגאַבע. אַליין אַ געניטער „ליעסאָרוב“, אַ זון פון דורות „ליעסאָ־רובעס“, פירט ער די פאַרטיע יידן ווי אַן אונטער־אָפיציר פירט רעקרוטן צום ערשטן מאָל אונטער זיין קאָמאַנדע.

הינטער אים שפּרייזן די מענטשן ווי שאָטנס, אָן דעם מינדסטן שאָרך. זינט פּילאַטקאָוו האָט זיך באַוויזן אויפן פאָסיאָלעק האָט זיך אַלץ געביטן צום שלעכטן. ער איז ריקזיכטלאָז אין ענין אַרבעט. ער פאָדערט פון די נעכטיקע שניידערס, שוסטערס דאָס, וואָס ער פאָדערט פון זיך — אויספירן דעם פּלאַן!...

„דער פּלאַן מוז ווערן אויסגעפירט“ — איז זיין באַליבטער סלאָגאַן, און צוליב דעם וואָס ער חזרט עס איבער ווידער אַ מאָל און נאָך אַ מאָל, רופט עס אַרויס ביי די מענטשן אַ ווידערווילן געמישט מיט שרעק.

מיט עטלעכע טעג צוריק איז איבערן פאָסיאָלעק זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען אַ סלוך, אַז ער איז מיט אַ מאָל עולה־לגדולה געוואָרן. דער ראַיאָן־קאָמיטעט פון דער פאַרטיי האָט אים אַקצעפּטירט אַלס „קאַנדידאַט פאַרטיי“. דאָס האָט אים אַ שלאָג געטאָן אין קאָפּ. ער, אַ פּשוטער פויער פון הינטער וואָלאָגדע — אַ פאַרטיי־קאַנדידאַט!... ער איז געוואָרן ווי איבערגעביטן. דער געוויינטלעך פאַרבי־סענער אויסדרוק פון זיין פּנים איז געוואָרן נאָך מער פאַרביסענער ווי פריער. די קליינע פאַרבלאָזע אויגן — שפּיזיקע שפּילקעלעך, וואָס נישטערן אין די אויגן פון אַנדערע כדי צו געפינען אַ מעגלעכקייט זיך צו טשעפּען. די אומדערוואַרטעטע דערהויבונג אין זיין געזעלשאַפט־לעכן מצב, געפּאָרט מיט זיין פּרימיטיווער רויקייט, האָט גענומען אים שטויסן צו רייסן פּאַסן פון יעדן איינעם, אפילו פרויען האָט ער נישט געשוינט, געזידלט זיי מיט די מיאוסטע רייד.

די מענטשן זענען געגאַנגען אין „גענדזן־טראָט“ איי־נער הינטערן אַנדערן כדי זיך נישט פאַרלירן אין דער פרימאָרגן האַלב־טונקלקייט פון וואַלד. די פיס געוויקלטע אין שמאַטעס צוליבן שטאַרקן פראָסט, האָבן נישט געמאַכט דעם מינדסטן גערויש. זייענדיק פאַרזונקן אין מחשבות האָבן די מאַרשירנדיקע נישט דערפילט די אַנדערשקייט אין דער שטילקייט פון וואַלד אין פאַרגלייך מיטן פאָסיאָ־לעק. אויפן פאָסיאָלעק האָט די שטילקייט געשראָקן מיט טויבער אויסזיכטלאָזיקייט, אין וואַלד האָט זי געאָטעמט מיט דער פרישקייט פון יונגן שניי, מיט דעם צויבער פון אויפשטייגנדיקן טאָג.

די שרעק פון נעכטן ביינאַכט און דער אָנגעזאַמלטער פאַרדרוס איז זיי נאָך געלעגן אין די ביינער, און געלייגט זיך ווי בליי אויפן געמיט. אין די אויערן דונערט נאָך דאָס טופּען פון קאָמענדאַנטס באַשטיוולטע פיס: — איר וועט גיין פאָד סוד!... ניעלזיאַ!... ניעלזיאַ דאָס צו טאָן!...

אויפגערעגטערהייט האָט ער אָן אַ שיעור איבערגע־חזרט דעם זעלבן „ניעלזיאַ!“ און דערביי כסדר געשפּיגן מיט סלינע.

— מאָליטסיאַ אים זאַכאָטיעלאָס... איך האָב נישט געגעבן קיין ראַזרעשעניע... פאָניאַטנאָ?... פאָד סוד וועט איר גיין!...

דער לעצטער שלעפּט זיך ר׳ שלמה ראַבינאָוויטש, אַ מענטש ביי די זעכציק, ער גייט ווי איינער צו דער תליה.

אין דער לאַנגער קאַפּאָטע, מיט דעם קליינעם וואַר־שעווער היטעלע אויפן קאָפּ, און מיט אַ רויטער פאַטשיילע אָנשטאָט אַ גאַרטל אין וועלכער עס איז פאַרשטעקט זיין האַק, טיילט ער זיך אויס פון זיינע אחים לצרה ווי אַ מענטש פון אַן אַנדערער וועלט.

דאָס אַרט אים צום ווינציקסטן. ער פילט זיך שולדיק לגבי זיי. ער האָט זיי נעכטן פאַרנאַכט צוגערעדט צו דעם. יידן — האָט ער זיך צו זיי געוואָנדן — יידן, לאָמיר אָפּדאַוונען כל־נדרי בציבור... לאָמיר זיך אָנהאַלטן אין עפּעס, אַ נישט וועלן מיר דאָך, חלילה, אין גאַנצן דאָ פאַרגרעבט ווערן!...

איצט שרעקט ער זיך פאַר די דראָאונגען, מער פאַרן עולם ווי פאַר זיך אַליין... מיט אים וועט זיין ווי גאָט וועט מאַכן — ער איז גרייט אויף אַלעם.

ער שפּאַנט איבערן שניי און די מחשבות לאָזן נישט אָפּ. היינט אַ יאָר האָט ער געדאַוונט אין זיין שולעכל אין זיין שטעטעלע הינטער וואַרשע... נעכטן ביינאַכט איז ער געשטאַנען פאַר צוויי קליינע ליכטלעך אַריינגעשטעקטע

האָט דער פּאַרטיי־קאָמיטעט דאָס אויסגענוצט און גערופן אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון דער פּאַרטיי. דער פּאָרזיצער פון לעדער־פּאַראיין, מסתמא האָט ער געהאַט פּערזענלעכע חשבונות מיט מיר, האָט אויסגענוצט דעם דאָזיקן פאָרום און איז אַרויס מיט אַ גרויסער קריטיק איבער מיר. אויף דעם האָט ח' אַרטור געענטפערט: „חבר... ח' בורשטין איז איצט דאָ נישטאָ און קען אייך נישט ענטפערן אויף אייער קריטיק. צווייטנס איז עס גאָרנישט חבריש, ווען מען באַשולדיקט אַ צווייטן אין זיין אָפּוועזנהייט, ווען ער איז נישט אימשטאַנד זיך צו פאַרטיידיקן״.

מען האָט מיר די מעשה דערציילט. איך האָב אָבער דעם חבר קיין מאָל נישט אויסגערעדט, נישט געלאָזט אים פילן אַז איך ווייס עפּעס. אָבער אויף מיר האָט עס געמאַכט אַ פּיינלעכן איינדרוק און ס'האָט געלאָזן אַ טיפן ווידערווילן צו האָבן קהלישע פּרנסות, געזעלשאַפטלעכע פּאָסטנס. ס'איז ביי מיר רייף געוואָרן דער געדאַנק אַלץ צו טאָן נישט צו האָבן „באָסעס״ איבער מיר. איינער איז גענוג...

דאָס איז אויך געווען איינע פון די סיבות וואָס האָט מיך באַוואויגן צו לויפן אין דער וועלט. דערביי האָב איך באַשלאָסן, אַז אויב איך וועל האָבן די מעגלעכקייט עפּעס צו טאָן געזעלשאַפטלעכע אַרבעט, לטובת הכלל, זאָל איך עס טאָן פרייוויליק, אָן האָנאָראַר אָדער מאַטעריעלן נוצן.

* * *

ביים סוף פון דעם קאַפּיטל וויל איך דערציילן וועגן אַ קולטור־אונטערנעמונג פון יענער צייט, וואָס די „קדימה״ האָט איינגעאָרדנט און וואָס האָט זיך מיר איינגעקריצט אין מיין זכרון.

אין מעלבורן האָט געוויילט דער באַוואוסטער יידישער אַרטיסט מאָריס מאָשקאָוויטש און געשפּילט אויף ענגליש אין דראַמאַטישן טעאַטער. מאָשקאָוויטש איז געבוירן אין אָדעס, אוקראַינע אין יאָר 1871. ווי ס'איז געווען „נאָרמאַל״ אין יענער צייט אין די אַכציקער יאָרן פון 19-טן יאָרהונדערט, נאָך די גרויסע פּאָגראָמען אין צאַרישן רוסלאַנד, האָט אַ כוואַליע פון יידישע מאַסן זיך געלאָזט אין דער וועלט און ספּעציעל קיין צפון אַמעריקע. מיט די דאָזיקע פשוטע פאָלקס־יידן זענען אויך מיטגעגאַנגען שרייבער, קינסטלער, אַרטיסטן, סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן וואָס האָבן געמוזט אַנטלויפן צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים, און סתם קולטור־מענטשן.

אין דער דאָזיקער כוואַליע קומט אויך מאָריס מאָשקאָוויטש אַלס יונגער בחור מיט זיינע עלטערן קיין אַמעריקע. ער האָט פאַרמאָגט אַ געפיל פאַר דער בינע און אַזוי אַרום ווערט ער אַריינגעצויגן אין יידישן טעאַטער און אין געציילטע יאָרן פאַרנעמט ער אַן אָנגעזעענעם אָרט אויף דער יידישער בינע.

גאַסטראָלירנדיק מיט יאָרן שפּעטער מיט אַ יידישער טעאַטער־טרופּע אין לאָנדאָן, האָבן זיך די ענגלישע טעאַטער־קריטיקער אויף אים דערקענט, אַז דער דאָזיקער יידישער אַקטיאָר פאַרמאָגט אַ גרויסן אַרטיסטישן טאַלאַנט. זיי האָבן אים איינגעלאַדן צו שפּילן שעקספּירס „שיילאָק״ אויף ענגליש און ער האָט די איינלאַדונג אָנגענומען. ער ווערט גלייך באַרימט אין דער ענגלישער טעאַטער־וועלט. אַזוי אַרום ווערט ער אויך איינגעלאַדן קיין אויסטראַליע. איך פערזענלעך האָב אים נישט געזען שפּילן.

„קדימה״ האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט און געמאַכט פאַר אים אַן אויפנאַמע. ווען דער דעמאָלטדיקער פּרעזידענט פון „קדימה״ ד״ר א. פּאַטקין האָט דעם גאַסט פאָרגעשטעלט, האָט מען דערזען אַ מענטשן, אַ שלאַנקן, הויך־וואוקסיקן מיט אַ סימפּאַטיש-אינטעליגענטן אויסזען, מיט אַ קאָפּ טונקעלע האָר, וואָס האָבן שוין אָנגעהויבן גרויען. זיין קלאָרע דיקציע און אָנגענעמע שטים (אַלץ מעלות פאַר אַן אַרטיסט) האָט אין אַ גוטן ליטעראַרישן יידיש געהאַלטן אין שפּאַנונג דעם גאָר גרויסן עולם, וואָס זענען געקומען אים הערן. און דערציילט האָט ער וועגן יידישן טעאַטער אין אַמעריקע און ביי וועלכע באַדינגונגען ס'איז אויסגעקומען צו אַרבעטן.

ביים שרייבן די דאָזיקע שורות גייען מיינע מחשבות אַהין און צוריק און איך טראַכט וואָס איז געוואָרן מיט יידיש־טעאַטער אין דעם זעקס־מיליאָניקן יידישן ישוב אין אַמעריקע. וויפיל טאַלאַנטן האָבן מיר פאַרמאָגט און וואָס איז פון זיי געוואָרן. אַוועק פון אייגענעם גאָרטן...

**With Compliments of . . .**

# TORONTO FASHIONS

PTY. LTD.

*MANUFACTURERS OF SKIRTS, SLACKS AND SPORTSWEAR*

183 FLINDERS LANE, MELBONRNE, 3000

Telephone: 654-3188

מענטש מיט אַ סך וויסן, ממש אַ גייענדיקע ענציקלאָפּעדיע, האָט ער פֿאַרמאָגט אַ געניאַלן זכרון. ער איז געווען באַ־האַוונט אין דער יידישער און אין דער וועלט־ליטעראַטור, ווי אַ פרומער ייד אין אשרי.

ר. ראָטבערג, געקומען פון וואַרשע, האָט פֿאַרמאָגט אַ סך ענערגיע און דינאַמיק ביים אָרגאַניזירן און מיטצו־רייסן מענטשן פֿאַר זאַכן, וואָס ער האָט געהאַלטן פֿאַר וויכטיק. ער האָט פיל געטאָן אין דער „וועלקאָם־סאָסייטי״ ביים העלפן ניי־געקומענע עמיגראַנטן.

אייזיק הורוויץ האָט אַ סך מיטגעמאַכט אין זיין פער־זענלעך לעבן. ער האָט מיט יאָרן שפּעטער אָנגעשריבן אַ בוך — „אַן אויטאָביאָגראַפיע פון אַ ייד אַ וואַנדערער... מיין לעבן״ — וואו ער דערציילט בפרוטיות זיינע וואַנ־דערונגען. אָבער אים איז אויסגעפאַלן צו זיין איינער פון די „קדימה״־גרינדער און ער האָט פיל בייגעשטייערט אויפן געביט פון יידישן טעאַטער.

אהרן ניומאַרק איז אַנטלאָפן פון צאַרישן רוסלאַנד און איז געקומען קיין אויסטראַליע אַן איבערצייגטער סאָ־ציאַל־דעמאָקראַט. ער איז געווען אַ באַגאַבטער מענטש, אַ קינסטלער אויפן געביט פון מאָלעריי און סקולפּטור, אַ טיפּ פון אַ באָהעם. אַ גביר איז ער קיין מאָל נישט געווען, אָבער געלעבט האָט ער ברייט. ער האָט שוין דעמאָלט געוואוינט אין דעם גרעסטן און שענסטן הויז פאַר יענער צייט. ווען דער שרייבער פרץ הירשביין האָט מיט זיין פרוי אסתר שומיאַטשער אין 1921 באַזוכט אויסטראַליע, איז דאָס ניו־מאַרק־הויז געשטעלט געוואָרן צו דער דיספּאָזיציע פון די געסט. גאַנצע פינף וואָכן איז דער דאָזיקער באַזוך פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין איין גרויסן הירשביין־פעסטיוואַל, וואָס האָט געגעבן די „קדימה״־טוער מוט צו ווייטערדיקער אַרבעט.

צו דער כאַראַקטעריסטיק פון א. ניומאַרק קען דינען דער פאָלגנדיקער פאַקט: ער האָט זיך פאַר מיר „באַרימט״ וואָס פאַר אַ גרויסער רעוואָלוציאָנער און פריידענקער ער איז, אַז ער פלעגט מיט יאָרן צוריק דורכפאָרן דווקא אין יום־כיפור די גאַס וואו די שול האָט זיך געפונען. אויף מיין פראַגע פאַר וואָס ער האָט אויסגעקליבן די גאַס וואו די שול געפינט זיך, איר האָט דאָך געקענט פאָרן דורך אַן אַנדער גאַס און נישט רייצן די פרומע, רעליגיעזע יידן. אויף דעם האָט ער געענטפערט: „ווער האָט זיי גע־הייסן בויען די שול אויפן וועג וואו איך פאָר אַהיים״...

אָט די גרופּע האָט אין די ערשטע יאָרן פון דער „קדימה״־עקזיסטענץ מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ רעוואָלט קעגן דעם עקזיסטירנדיקן סדר פון היגן ישוב. זיי האָבן זיך קעגנגעשטעלט די יאַהודיסטיש־אַסימילאַטאָרישע טענ־דענצן פון די פּני. זיי זענען אַלע געווען וועלטלעכע יידן און געוואָלט קערעווען און באַאיינפלוסן דעם ישוב אין דער ריכטונג פון יידיש־וועלטלעכקייט.

אַריינקומענדיק אין „קדימה״־קאָמיטעט בין איך איינ־געשלונגען געוואָרן אין איר טעטיקייט. איך האָב עס געטאָן מיט ליבשאַפט און מיט מיין גאַנצן יוגנטלעכן ברען. איך האָב מיין פרייע צייט געווידמעט דער דאָזיקער אַרבעט. איך האָב זיך מיטבאַטייליקט אין פיל זונטיק־פונקציעס און געהאָלפן זיי אָרגאַניזירן. אָבער מיין וויכטיקסטע אַרבעט איז געווען רעאָרגאַניזאַציע פון דער „קדימה״־ביבליאָטעק.

די ביבליאָטעק האָט זיך געפונען אין אַ זייער שלעכטן צושטאַנד. נישט געווען קאַטאַלאָגירט, ביכער האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט צעוואָרפן און פיל צעריסן. זיי האָבן זיך ממש „געבעטן״מען זאָל זיי איינבינדן.

איך האָב קיין מאָל נישט געפירט קיין ביבליאָטעק און נישט געהאַט קיין געהעריק אויסשולונג דערפאַר, שוין נישט רעדנדיק וועגן דעם מאָדערנעם אופן פון פירן אַ ביבליאָטעק. האָב איך מיט מיין אייגענעם חוש פאַר אָר־גאַניזאַציע איינגעפירט אַ קאַרטאָטעקע סיסטעם, נישט בלויז פאַר די לייענער, נאָר פאַר יעדן בוך באַזונדער, סאָרטירט און איינגעפירט אַ נייעם קאַטאַלאָג. דער קאָמי־טעט האָט מיר געגעבן די פולמאַכטן צו מאַכן אַלע עווענ־טועלע אויסגאַבן, וואָס זענען פאַרבונדן מיט דער דאָזיקער רעאָרגאַניזאַציע. איך האָב אויף דעם געאַרבעט פיל וואָכן.

צו מיין סאַטיספאַקציע האָט זיך „מיין״ סיסטעם איינ־געהאַלטן גאַנצע פיר צענדליק יאָר ביז דער גרויסער שרפה, מיט עטלעכע יאָר צוריק, ווען ס׳איז פאַרברענט געוואָרן די ביבליאָטעק. איך בין אויך געוואָרן דער ביבליאָטעקאַר און די צאָל לייענער האָט זיך כסדר פאַר־גרעסערט. ווען דער קאָמיטעט האָט געזען וואָס איך האָב אויפגעטאָן, האָט ער מיר אָנגעבאָטן אַ וועכנטלעכע פענ־סיע, וואָס וואָלט געווען אַ גרויסע פאַרבעסערונג צו מיינע דעמאָלטדיקע פאַרדינסטן. איך האָב זיך קאַטעגאָריש אָפּ־געזאָגט פון דעם פאָרשלאַג. די סיבה איז פאַרבונדן מיט אַ פאַרלאָפענער געשיכטע. ס׳איז ווערט מען זאָל עס דערציילן:

אין יאָר 1927 האָב איך אין שליחות פון צ.ק. פון „בונד״ אין פוילן זיך באַזעצט אויף אַ יאָר צייט אין וולאָצ־לאַוועק, אַ גרעסערע פראָווינץ־שטאָט. דער „בונד״ האָט דאָרטן געהאַט אַ געוויסן איינפלוס אויף אַ ריי אינסטיטו־ציעס. איך בין געווען אויסער פאַרטיי־פונקציאָנאַר אויך סעקרעטאַר פון דער טעגלעכער ציש״א־שול, סעקרעטאַר פון נאָדל און לעדער פאַראיין, פאָרשטייער אין דעם ראַט פון אַלע פראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, יידישע און פוילישע אין דער שטאָט, אַדמיניסטראַטאָר פון דער טעגלעכער „פאָלקס־צייטונג״ און נאָך אַ פאָר אַנדערע „קליינינקייטן״.

אין מיטן פון דעם יאָר זענען פאָרגעקומען שטאָט־ראַט וואַלן אין מיין היים־שטאָט, מאַקאָוו און ס׳האָט מיך אַ צי געטאָן, אַ בענקשאַפט. בין איך אויף אַ פאָר טעג אַהיים געפאָרן.

קומענדיק צוריק, האָב איך זיך דערוואוסט וועגן אַן ענין, וואָס האָט מיר פאַרשאַפט גרויס עגמת־נפש. פונקט דעמאָלט, אין מיין אָפּוועזנהייט, האָט פאַרבראַכט אין וולאָצלאַוועק, צוליב פערזענלעכע ענינים אַרטור זיגלבוים.

סענדער בורשטין

# אזוי האָט עס זיך אָנגעהויבן...

(אַ קאַפּיטל פון אַ גרעסערער אַרבעט)

נאָכן באַקומען אַן אַרבעטס-פּלאַץ, האָב איך אָנגעהויבן זוכן אַ קולטור-סביבה, וואו איך זאָל זיך קאָנען גייסטיק אויסלעבן. נישט ווייט פון דער „ליפּסקי־קאַפּע", אין דער זעלבער געביידע וואו ס'האָט זיך געפונען די „וועלקאָם סאָסייטי", האָט זיך אויך געפונען אַ קולטור־אינסטיטוציע, מיטן נאָמען „קדימה". ווען איך האָב איר דעם ערשטן מאָל באַזוכט, האָט זי געמאַכט אויף מיר אַ גוטן איינדרוק. אין דער פרעמדער סביבה, די אַרומיקע קאַלטקייט — האָב איך געפונען אַן אָאַזיס. ביכער, זשורנאַלן, צייטונגען פון דער יידישער וועלט — מיט דעם האָב איך זיך זייער דערפרייט. די „קדימה" האָט געהאַט אַ זאַל — פאַרהעלטניסמעסיק נישט קיין קליינער, אַ שטיקל בינע און אַרום אַ 150 זיץ־פּלעצער. זי אָרדנט איין יעדן זונטיק אונטערנעמונגען, פאָרלעזונגען וועגן יידישער ליטעראַטור, אַ מאָל קאָנצערטן פון יידישע פאָלקס-לידער און טעאַטער־פאָרשטעלונגען.

אין דער זעלבער צייט האָט אויך עקזיסטירט אַן אַנדערע אינסטיטוציע, וועלכע האָט זיך גערופן „יידישער־פּוילישער קלוב". דער קלוב האָט נישט געהאַט קיין אייגענעם אַדרעס, פלעגט ער זיך דינגען דאָס „מאָנאַש־הויז" וואָס האָט געהערט צו דער „דזשודייען ליג" — אַ יאַהודיש־אַסימילירטע ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע. די אויפגאַבע פון דעם קלוב איז געווען — טאַנצן. די באַזוכער, כדי אַרויסצווייזן זייער אינטעליגענץ — האָבן גערעדט פּויליש...

ס'האָט נישט געקאָנט זיין קיין צוויי מיינונגען. מיין אָרט איז געווען אין דער „קדימה". זי האָט שוין עקזיסטירט זינט דעם יאָר 1911.

מיין ערשטע „וויזיט־קאַרטע" אין דער „קדימה" איז געווען אַ לעקציע: „אַ גרוס פון פּוילן". איך האָב דערציילט וועגן פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און קולטור־גייסטיקן מצב פון דאָרטיקן יידישן ישוב. אין רעזולטאַט דערפון, בין איך צוקאָאָפּטירט געוואָרן צום „קדימה"־קאָמיטעט. עס זענען פאַרביי בלויז געציילטע וואָכן, און איך בין איינגעשלונגען געוואָרן אין דער „קדימה"־טעטיקייט און אין דער אַרבעט זיך באַקענט מיטן קאָמיטעט.

דער פּרעזידענט איז געווען ד"ר אהרן פּאַטקין, אַ זייער אינטעליגענטער מענטש, אָנגעזאַפּט מיט יידישער גייסטיקער פאָלקס־קולטור. געווען אַן אַדוואָקאַט אין מאָסקווע און איינער פון די גרינדער פון דער יידישער פאָלקס־פּאַרטיי אין רוסלאַנד; דורכגעמאַכט שטורמישע צייטן בעת דער רעוואָלוציע, האָט ער געמוזט אַנטלויפן צוזאַמען מיט דער גאַנצער יידישער גייסטיקער עליטע. געווען אַן איבערצייגטער קעגנער און קעמפער קעגן באָלשעוויזם, האָט ער זיך באַזעצט אויף אַ צייט אין בערלין. אין 1926 קומט ער אַלס עמיגראַנט קיין אויסטראַליע. ער האָט מיט זיך געבראַכט סיי דעם אָטעם פון אייראָפּע, און סיי דעם גייסט פון מזרח-אייראָפּעאישן יידנטום אין אַלע זיינע שאַטירונגען. אגב, האָט ער מיט יאָרן שפּעטער פאַרעפנטלעכט אַ בוך אין ענגליש, וואו ער באַהאַנדלט דאָס יידישע נאַציאָנאַלע פּראָבלעם אין רוסלאַנד. דער „בונד" פאַרנעמט דאָרט אַ גרויס אָרט.

אַ גרויסן איינפלוס אויף דער „קדימה"־טעטיקייט אין יענער צייט האָבן געהאַט דריי לאָדזשער יידן — שלומה ווין, ישראל שער און שמחה בריליאַנט. זיי האָבן באַקומען אין דער היים אַ רעליגיעזע דערציאונג, ווי ס'איז געווען נאָרמאַל אין יענער צייט, האָבן זיי אויסגעטאָן די חסידישע קאַפּאָטע און אָנגעטאָן אַ קאַפּעליוש... אָבער דער „דוואַ־גראָשע" *) אַנטיסעמיטיזם פון די פּוילישע ענדעקעס האָט זיי געיאָגט אין דער וועלט. האָבן זיי חתונה געהאַט און זענען געקומען מיט זייערע פרויען קיין אויסטראַליע אין 1914. זיי זענען שוין דאַן געווען באַאיינפלוסט פון דער מאָדערנער יידישער קולטור ווי אויך באַווירקט פון ראַדיקאַלע סאָציאַליסטישע אידייען.

דער סעקרעטאַר פון דער „וועלקאָם־סאָסייטי", אהרן בר־כהן האָט געגעבן אַ גרויסן צושטייער דער קולטור־טעטיקייט פון דער „קדימה". ער איז געקומען פון רוסלאַנד, דורך פּאַלעסטינע, קיין אויסטראַליע נאָך מיט אַ צענדליק יאָר פריער, אָבער אים איז געווען זייער שווער זיך פאַרוואָרצלען אין דעם היגן באָדן. ער האָט זיך פאַרנומען הויפּטזעכלעך מיט יידישער דערציאונג, לערעריי, וואָס איז נישט אַזאַ באַצאָלטע פרנסה... געווען אַן אינטעליגענט מיט ליטעראַרישע נייגונגען אין יידיש און העברעאיש; געשריבן כסדר אין ביידע לשונות פאַרן שופלאָד, וואָס האָט קיין מאָל נישט אָנגעזען די ליכטיקע שיין. ער האָט זיך געפילט פאַרביטערט און אַנטוישט. בפרט, אַז זיין עקאָנאָמישע לאַגע איז געווען אויף פיל שטאַפּלען נידעריקער אין פאַרגלייך מיט זיינע אַרומיקע פריינד...

פון די פּיאָנערן און ערשטע גרינדער פון דער „קדימה" (1911) האָב איך געטראָפן ראובן ראָטבערג, אייזיק הורוויץ און אהרן ניומאַרק. יעדער פון זיי האָט אויף זיין אופן באַרייכערט די „קדימה".

איך האָב דאָרטן געטראָפן הערש מונץ, אַ יינגער יידישער אינטעליגענט, נישט לאַנג געקומען פון קרינעק, אַ שטעטל נישט ווייט פון ביאַליסטאָק. אַ באַגאַבטער

*) „דוואַ גראָשע" — צוויי גראָשן, אַנטיסעמיטיש גאַסן־בלעטל אין פּוילן.

# מדינת־ישראל מיט אירע מעלות

(המשך פון זייט 5)

שיבת־ציון איז אַ פענאָמען, ממש דער וואונדער פון דער וועלט. אַ פאָלק קערט זיך אום צוריק אַהיים נאָך אַזאַ לאַנגן און ביטערן גלות און פון אַ צעשפּרייטונג איבער דער גאַנצער וועלט צווישן הונדערטער פעלקער און שבטים. דאָס איז זיכער אַ וועלט־רעקאָרד אין דער אַלגע-מיינער געשיכטע.

דער יידישער ישוב אין מדינת ישראל איז שטאַרק אויסגעוואַקסן און ציילט שוין היינט איבער דריי מיליאָן נפשות (אָן עין־הרע) צו דער אַנטוישונג פון די אַלע „נביי־אים”, וועלכע האָבן פאָראויסגעזען, אַז דער שטח פון אונ־דזער לאַנד איז צו קליין און נישטאָ דאָרט קיין פּלאַץ פאַר מיליאָנען. די יידישע מדינה איז געוואָרן ארץ־הצבי, וואָס די חז״ל האָבן אַמאָל אויסגעטייטשט, אַז ווען מיר ציען אַראָפּ די פעל פון הירש איז זי איינגעשרומפּן, אָבער ווען יידן זענען עולה, באַזעצן זיך, בויען און באַאַרבעטן די הייליקע ערד, ציט זיך דאָס לאַנד צוריק אויס. היינט וואו און ביי וועמען נאָך קען מען געפינען אַזאַ רעקאָרד.

אויפן געביט פון קולטור האָט דער יידישער גייסט פאַר דער גאַנצער צייט פון דער גלות־תקופה קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו שאַפן און אין די שווערסטע און טרויעריקסטע טעג תמיד ממשיך געווען און צוגעטראָגן צום אָריגינעלן יידישן גייסטיקן אוצר. אין צווישן האָבן ליידער די איינפלוסן פון די פרעמדע שכנים און די סביבה משפיע געווען אויף די יידישע ישובים אין דער וועלט, וואו מאַסן זענען אָפּגעפאַלן און געוואָרן פאַרשלונגען. ערשט אין מדינת ישראל איז געלונגען צוריק אויפלעבן און איינשטעלן אַן איינהייטלעכע נאַציאָנאַלע קולטור און שפּראַך, וואָס האָט צוריק אויפגעבליט, אַרומגענומען און צעמענטירט אַלע אונדזערע עדות נאָכדעם ווי זיי זענען אַהיים געקומען פון פיל לענדער מיט פאַרשידענע קול־טורן.

די יידישע מדינה האָט אויסגעמיטן די געפאַר פון אַ דור־הפלגה און דערמיט געשלאָגן אַ רעקאָרד פון יידישן אחדות אין פולן זין פון וואָרט.

די אוראַלטע אין גריכנלאַנד קלאַסישע געזעלשאַפט־לעך־סאָציאַלע אָרדענונג פון דעמאָקראַטיע איז היינט גע־וואָרן אַ פאַלשער באַגריף און דער רוב פעלקער פאַר־קריפּלען אים. אָבער מדינת ישראל מיט איר פולשטענ־דיקער און אויפריכטיקער דעמאָקראַטיע איז געוואָרן אַ שם־דבר אויף דער וועלט. דאָס איז עס טאַקע, וואָס שטעכט אויס די אויגן ביי אַלע אירע שכנים, זייערע פריינד, אָפּהענגיקע און אונטערשטיצערס, וועלכע וויל־דעווען מיט שנאת ישראל, כעס און האַס, וואָס דערמאָ־נען אונדז יידן די צוריקגעשטאַנענע און שוידערלעכע צייטן פון פינצטערן מיטלאַלטער. מדינת ישראל האָט מיט איר דעמאָקראַטישער אָרדענונג און סאָציאַלן יושר דערגרייכט אַ הויכע אַנטוויקלונג און שטאַרקן אויפבוי אין אַזאַ קורצן צייט־אָפּשניט און דעריבער ווידער גע־שלאָגן אַ רעקאָרד.

די צוריק געשאַפענע יידישע מדינה האָט אָן שום ספק אַ גרויסע און דירעקטע השפעה אויפן לעבן פון די יידישע פאָלקס־מאַסן איבער גאָר דער וועלט. זי איז גע־וואָרן די איינציקע פעסטונג, וואָס פאַרזיכערט אַ יידן זיין נאַציאָנאַלע אידענטיטעט און קיום — דער תמצית פון ציוניזם. איז דאָס ווידער אַ דאָרן אין אויג פאַר אַלע פאַרברעכערישע אינטערנאַציאָנאַליסטן, פינצטערע מער־דער און שקלאַפן־הענדלערס ווי אויך בלינדע רעליגיעזע פאַנאַטיקער, וואָס זוכן אַ נייעם קרייצצוג קעגן יידישן פאָלק און מדינת ישראל און שטרעבן אין אַ וועלט־מאַס־שטאַב אויספירן אַ נייעם גענאָסיד. זיי פאַרשוועכן נאָר דאָס געוויסן פון דער וועלט און פאַרשוואַרצן דאָס פנים פון דער מענטשהייט מיטן נייעם „עלילת-נאַציזם”, מיטן אונטערוואַרפן אונדז זייערע אייגענע פאַרברעכנס. דיק־טאַטאָרן, אונטערדריקער, אָקופּאַנטן און אַנעקסירער פון פרעמדע טעריטאָריעס, וואָס פּרעטענדירן צו זיין די גרעסטע שלום־ליבנדיקע באַגליקער פון פעלקער און לענדער וואַרפן פאַר דער יידישער מדינה זייערע אייגענע אכזריותדיקע און אויסטערלישע אידעאַלן, וועגן און מעשים.

אָבער ישראל, וואָס איז אַ יחיד במינו אויף אַזוי פיל געביטן, האָט נישט בלויז אָפּגעהאַלטן ריזיקע נצחו־נות אויפן שלאַכטפעלד, נאָר אין קאַמף פאַר שלום און גערעכטיקייט, אָריגינעלע יידישע אידעאַלן, וואָס זענען שוין טויזנטער יאָרן אַלט, האָט זיך אַרויסגעהויבן און באַרימט געמאַכט מיט געדולד, פלייס און פרידלעכער אַרבעט, וואָס האָבן צו זיך נישט קיין גלייכן אין ערגעץ ביי קיינעם היינט צו טאָג.

עס איז שווער איבערצוגעבן אין די ענגע ראַמען פון דעם קורצן מאמר אַלע מעלות און דערגרייכונגען מיט וועלכע מדינת ישראל האָט זיך שוין אויסגעצייכנט און באַרימט געמאַכט אין פאַרלויף פון די לעצטע 28 יאָר.

עס איז דעריבער צו האָפן, אַז די אַלע רעקאָרדן פון דער באַנייטער יידישער מדינה וועלן איר ברענגען און פאַרזיכערן אַ סטאַבילן שלום און אַ קיום פאַר דורות, וואָס וועט זיין, ווי הערצל האָט דאָס ביים שאַפן דעם ציו־ניזם, אויפגעוויזן און פאָראויסגעזען אין זיין מאָנומענ־טאַלן ווערק „דער יידנשטאַט” (אין העברעאישער איבער־זעצונג: „מדינת היהודים”), נישט בלויז אַ לייזונג פון דער יידן־פראַגע און אַ רעטונג פאַרן יידישן פאָלק, נאָר אויך פאַר דער טובה פון דער גאַנצער מענטשהייט.

(די גרופּעס ווערן אָפּגעטיילט דורך ווערטיקאַלע פּאַ־סיקלעך):

הוליעט, | הוליעט | בייזע | ווינטן
היינט איז | אייער | צייט
לאַנג וועט | דויע | רן דער | ווינטער
זומער | איז נאָך | ווייט.

(א. רייזען)

דער ערשטער און דריטער פּערז באַשטייען פון פיר צוויי־טראַפּיקע גרופּעס, דער צווייטער און פערטער — פון צוויי צוויי־טראַפּיקע גרופּעס מיט אַן איבעריקן טראַף. אויב ס'איז דאָ אַן איבעריקער טראַף, מוז אויף אים פאַלן דער אַקצענט.

ב) אויב אַ סטראָפע באַשטייט פון פערזן מיט דריי־טראַפּיקע גרופּעס מיטן אַקצענט אויפן ערשטן טראַף, הייסט אַזאַ פערזנבוי דאַקטיל:

שטערנדל, | שטערנדל, | בלויער שטאַ | פּעטעלע
זיי אַ ש | ליחל | פאַל אין מיין | שטעטעלע
זען וועסט אַ | בערגעלע, | נאָך דעם אַ | גריבעלע
דאָרטן גע | פינט זיך מיין | אָרעמע | שטיבעלע.

(מ. קולבאַק)

ג) אויב אַ סטראָפע באַשטייט פון פערזן מיט דריי־טראַפּיקע גרופּעס מיטן אַקצענט אויפן צווייטן טראַף, הייסט אַזאַ פערזנבוי אַמפיבראַכי:

ס'ליגט יאָמער | פון פידלען | אויף הענט פון | מיין שוועסטער,
דער ברויז פון | קלאַווישן — | אויף פינגער | אויף דינע,
און יעדער | איר גלעט רופט | אַ פלייטן | אָרקעסטער,
און יעדער | באַריר וועקט | אַ האַרפּי | שע סטרונע.

(ח. ראָזנפאַרב)

ד) אויב אַ סטראָפע באַשטייט פון פערזן מיט דריי־טראַפּיקע גרופּעס, מיטן אַקצענט אויפן דריטן טראַף, הייסט אַזאַ פערזנבוי אַנאַפּעסט:

ערגעץ ווייט, | ערגעץ ווייט
ליגט אַליין | אַ געפאַנ | גענער.
אויף זיין קאָפּ | שטאַרבט די שיין
פון דער זון | דער פאַרגאַנ | גענער.

(ה. לייוויק)

דער ערשטער און דריטער פערז באַשטייען פון צוויי דריי־טראַפּיקע גרופּעס, דער צווייטער און פערטער פערז — פון צוויי דריי־טראַפּיקע גרופּעס, מיט צוויי איבעריקע טראַפן. אויב ס'בלייבן איבער איינע אָדער צוויי איבע־ריקע טראַפן מוזן זיי זיין שוואַכע, נישט אַקצענטירטע.

נ.ב. די נעמען פון די ריטעם־פאָרמען זענען גריכישע און זענען אָנגענומען אין אַלע שפּראַכן.

---

# די וועלט־קאָנפערענץ פאַר יידיש אין ישראל

די וועלט־קאָנפערענץ פאַר יידישער קולטור וואָס וועט פאָרקומען אין ירושלים אין די טעג צווישן 23־טן און 26־טן אויגוסט 1976, וועט זיין אַ וויכטיקע היסטאָרישע קולטור־געשעעניש מיט אַ ווירקונג אויף דער צוקונפט פון יידיש. אין דער קאָנפערענץ וועלן זיך באַטייליקן אַרום 200 דעלעגאַטן פון 14 לענדער פון אַלע פינף קאָנטינענטן און אַרום 600 געסט, פאַראינטערעסירטע בייצוזיין די דאָ־זיקע קולטור־אימפּרעזע.

די קאָנפערענץ ווערט צוגעגרייט דורך אַ קאָאָרדי־ניר־קאָמיטעט וואָס באַשטייט פון פאָרשטייער פון „קאָמי־טעט פאַר יידישער קולטור אין ישראל", פון פאָרשטייער פון „שרייבערס און זשורנאַליסטן פאַראיין אין ישראל" און פון פאָרשטייער פון „קולטור דעפּאַרטאַמענט ביים יידישן וועלט־קאָנגרעס". דער קאָאָרדיניר־קאָמיטעט שטייט אין ענגער פאַרבינדונג מיט דעם קאָנפערענץ־קאָ־מיטעט אין די פאַראייניקטע שטאַטן, ווי אויך מיט די קאָנפערענץ־קאָמיטעטן אין קאַנאַדע, דרום־אַמעריקע, פראַנקרייך, ענגלאַנד, אויסטראַליע און אַנדערע לענדער.

אין דער וועלט־קאָנפערענץ וועלן זיך באַטייליקן אַ ריי פערזענלעכקייטן פון ישראל און פון די תפוצות. מצד ישראל וועלן אויף דער קאָנפערענץ אַרויסטרעטן אַ צאָל הויכע רעגירונגס־לייט, שרייבערס און דענקערס, ווי דער בילדונגס־מיניסטער, פרוי גאָלדע מאיר, דער פאָרזיצער פון העברעאישן שרייבער־פאַראיין, דער פאָרזיצער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און פון דער יידישער אַגענץ און נאָך אַנדערע. ס'איז פאָראויסגעזען אַן אויפ־נאַמע פאַר אַלע אָנטיילנעמער פון דער קאָנפערענץ אין „בית הנשיא", וואו דער גאַסט־געבער וועט זיין דער נשיא פון מדינת ישראל, בכבודו ובעצמו.

מצד די תפוצות וועלן אויף דער קאָנפערענץ אַרויס־טרעטן די באַרימטע שרייבערס יצחק באַשעוויס, חיים גראַדע און אלי וויזעל. חוץ לזה וועלן אין איר זיך באַטיי־ליקן שרייבערס און מנהיגים פון דרום־אַמעריקע, אויס־טראַליע, מערב־איראָפּע, קאַנאַדע און די פאַראייניקטע שטאַטן.

אַ חוץ דער סעסיע געווידמעט די באַריכטן וועגן דער לאַגע פון יידיש אין אַלע ישובים און אַ דיסקוסיע אַרום איר וועט אויסגעטיילט ווערן אַ פייערלעכער אָוונט פאַר אַ קינסטלערישן פּראָגראַם פון שלום־עליכמס שאַפונגען, צו זיין 60־טער יאָרצייט, אויסגעפירט דורך די גרעסטע יידישע קינסטלער. עס וועט אויך אָפּגעמערקט ווערן די דאַטע פון „300 יאָר יידישע פּרעסע" און אַ באַזונדערע סעסיע וועט זיין געווידמעט דער פערטער פאַרטיילונג פון דער פּרעמיע פון ראש הממשלה, פאַר יידישער שאַפונג.

---

י. גיליגיטש

# ריטעם און פערזנבוי

ריטעם ווערט אָנגערופן אַ רעגולערע איבערחזרונג אין צייט פון באַשטימטע עלעמענטן. ס'קען זיין אַ ריטעם וואו ס'חזרן זיך איבער ענלעכע עלעמענטן ווי די וואַקלונגען פון אַ פּאָמפּעדיקל, דער טיק־טאַק פון אַ זייגער, דער פּולס און אָטעמען פון אַ געזונטן מענטש אין אַ רואיקן צושטאַנד (איינאַרטיקער ריטעם).

ס'איז אָבער דאָ אויך אַן אַנדער מין ריטעם, וואָס ווערט צוזאַמענגעשטעלט פון פאַרשידענע, נישט ענלעכע עלע־מענטן, נאָר אַזוי אַז זיי פּאַסן זיך צונויף איינע מיט די אַנדערע, דערגאַנצן איינע די אַנדערע, און אין רעזולטאַט באַקומט זיך אַ האַרמאָנישע קאָמבינאַציע. אָפט מאָל חזרן זיך איבער די זעלביקע עלעמענטן, אָבער ס'איז נישטאָ די איינטאָניקייט ווי דאָס טיקען פון אַ זייגער אָדער וואַק־לונגען פון אַ פּאָמפּערדיקל. אין מוזיק, געזאַנג און טענץ חזרן זיך איבער דורך באַשטימטע אָפּשניטן פון צייט די זעלביקע מאָטיוון, אָבער זיי ווערן צוזאַמענגעשטעלט פון פאַרשידענע עלעמענטן, וואָס האַרמאָנירן איינע מיט די אַנדערע.

דער מין ריטעם ווירקט אויף אונדזער נשמה אויף אַ באַזונדערן דערהייבנדיקן, אָפט מאָל באַכישופדיקן אופן.

באַזונדער וויכטיק איז דער מין ריטעם אין דער אָפּ־טיילונג פון פּאָעזיע, וואָס טראָגט שוין פון אַמאָליקע צייטן דעם נאָמען ליריק און געפינט זיך אין אַ נאָענטער קרובה־שאַפט מיט מוזיק.

אין לירישער פּאָעזיע ווערט דער האַרמאָנישער ריטעם צונויפגעשטעלט פון צוויי עלעמענטן: פון אויסערלעכן, קלאַנג־פאָרם (די ווערטער) און אינערלעכן־פּסיכאָלאָגישן: פון די געדאַנקען, געפילן, שטימונגען, וואָס ווערן אַרויס־גערופן אין אונדזער באַוואוסטזיין דורך דער באַדייטונג פון די ווערטער (אַנדערש גערעדט פון דער פאָרם און אינהאַלט). צווישן די צוויי עלעמענטן מוז זיין אַ פולע האַרמאָניע. ווען זיי גיסן זיך צוזאַמען, שאַפן זיי איין נישט צעטיילבאַרע גאַנצקייט.

ווי אַ ביישפּיל לאָמיר נעמען אַ טייל פון י. פּאַפּיערני־קאָווס געדיכט „זאָל זיין״:

זאָל זיין, אַז כ'וועל קיין מאָל צום ציל נישט דערלאַנגען,
זאָל זיין, אַז מיין שיף וועט נישט קומען צום ברעג
מיר גייט נישט אין דעם, איך זאָל האָבן דערגאַנגען,
מיר גייט נאָר אין גאַנג אויף אַ זוניקן ברעג.

מיר פילן, אַז פאַרן דיכטער איז וויכטיק נישט נאָר דער ציל אַליין, נאָר דאָס טרוימען, דאָס שטרעבן, אַ צאַרטע בענקשאַפט נאָך דעם ציל כאָטש ער וועט אים אפשר נישט דערגרייכן.

גאָר אַנדערש פילן מיר די שטימונג פונעם דיכטער אין י. קאַצענעלענסאָנס „עלעגיע״, פון וועלכער איך ברענג דאָ די ערשטע און לעצטע סטראָפעס:

די זון פאַרגייט אין פלאַמען,
די זון מען זעט זי קוים.
אַזוי פאַרגייט מיין האָפענונג,
אַזוי פאַרלעשט מיין טרוים.

— — — — — —

וועלט, דו וועלט, דו זאָרג נישט,
באַלד לייכט אויף דער טאָג.
אייביק איז מיין טרויער,
אייביק איז מיין קלאָג.

דאָ פילן מיר דעם צער, דעם טרויער איבער דער פאַר־לאָזענער האָפענונג, פון צעשטערטן טרוים. אין ביידע געדיכטן גיסן זיך צונויף די ווערטער מיטן אינהאַלט אין אַ האַרמאָנישער גאַנצקייט. אין „עלעגיע״ פאַרשטאַרקט זיך נאָך די האַרמאָניע מיט דער ענלעכקייט פון דער פאַר־גייענדיקער און און פאַרגייענדיקער האָפענונג אין דער ערשטער סטראָפע און פון דעם קאָנטראַסט צווישן דעם אויפלייכטנדיקן טאָג פאַר דער וועלט און אייביקן טרויער פונעם דיכטער אין דער לעצטער סטראָפע.

ס'איז ווירקלעך שווער צו געפינען מער פּאַסיקע ווער־טער אויסצודריקן די געפילן פון ביידע דיכטערס ווי די וועלכע זיי האָבן באַנוצט אין זייערע לידער.

## עלעמענטאַרע ריטעם־פאָרמען פון יידישן פערזנבוי

אונדזער רעדן באַשטייט פון אַ קאָמבינאַציע פון ווער־טער, וועלכע טיילן זיך אויף טראַפן לויט דער צאָל וואָקאַלן (אַ, אָ, ו, י, ע און דיפטאָנגען יי, וו), למשל מאַן — איז אַן איין־טראַפיק וואָרט, קו־מען — אַ צוויי־טראַפיק אא״וו. אַ „ל״ און אַ „נ״ נאָך אַ קאָנסאָנאַנט צום סוף וואָרט אָדער צווישן צוויי קאָנסאָנאַנטן אין מיטן וואָרט ווערן אויך גע־רעכנט ווי אַ טראַף: שריי־בן, האַנ-דל — 2-טראַפיקע ווערטער, פאַר־וואָ־גלט — אַ דריי־טראַפיק וואָרט.

אייניקע טראַפן ווערן אויסגערעדט שטאַרקער, אייניקע שוואַכער. די שטאַרקערע טראַפן זענען אַקצענטירטע, ד.ה. אויף זיי פאַלט דער אַקצענט. דער אַקצענט אין די ווערטער פון דער יידישער שפּראַך איז נישט געבונדן מיטן אָרט ווי אין דער פּוילישער, וואו דער אַקצענט איז שטענדיק אויפן פאַרלעצטן טראַף, אָדער ווי די פראַנצויזישע — אויפן לעצטן טראַף.

דער ריטעם פונעם יידישן פערזנבוי איז געבויט אויפן פרייען אַקצענט לויט באַשטימטע כללים:

א) אויב אַ סטראָפע באַשטייט פון פערזן מיט צוויי־טראַפיקע גרופּעס (נישט דווקא פון איין וואָרט און אַ מאָל אויך פון טיילן פון וואָרט) מיטן אַקצענט אויפן ערשטן טראַף, הייסט אַזאַ פאָרם פון פערזנבוי — כאָריי —

י. אַרבּאַך

# צו נייע דערגרייכונגען

הגם די „קדימה" האָט פאַרברייטערט איר טעטיקייט אין די לעצטע 4 יאָר אין אַ גאָר גרויסן פאַרנעם — האָט די היגע יידישע געזעלשאַפט פון אַלע ריכטונגען נישט גענומען קיין שום שטעלונג צו דער אָפּגעטוענער אַרבעט דורך די „קדימה"־טוער און אויך נישט קיין שום שטעלונג צו דער קולטור-געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, וואָס די „קדימה" דאַרף טאָן אין דער צוקונפט.

דער בעסטער באַווייז איז דאָס וואָס די היגע יידישע און יידיש־ענגלישע צייטונג האָט נישט מיט קיין איין וואָרט דערמאָנט אויף זייערע שפּאַלטן וועגן דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג און אויך נישט אַ פּאָר ווערטער וועגן דער אַלגעמיינער אַרבעט פון דער „קדימה" אין משך פון יאָר 1975. אפילו „שוואַרץ אויף ווייס" אין „די יידישע נייעס" וואָס דערמאָנט, אַז דער עגיפּציאַנער פילם־אַרטיסט אָמאַר שאַריף האָט געשפּילט ברידזש מיט דעם יידישן דאָקטאָר דזשאָן הורוויץ אין מעלבורן — האָט פאַרגעסן וועגן דער „קדימה און מיט קיין איין וואָרט נישט דערמאָנט די היינטיקע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג און אויך נישט געזאָגט קיין איין און איינציק וואָרט וועגן דער פאַרצווייגטער יידישער קולטור־אַרבעט פון דער „קדימה".

איך האָב אין דעם ערשטן נומער פון די „מעלבורנער בלעטער", אַרויסגעגעבן דורך דער „קדימה" אין יאָר 1975, אַרויסגעזאָגט אַ פּאָר געדאַנקען וועגן די ווייטערדיקע פּלענער פון אַרבעט, וואָס די „קדימה"־טוער דאַרפן האָבן אין זינען און זיך באַמיען דאָס דורכצופירן. דאָ וויל איך נאָר צוגעבן אַ פּאָר באַמערקונגען צו מיינע אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען אין דעצעמבער 1975.

ווי אַ וועלטלעכע יידישע קולטור־אָרגאַניזאַציע, איז די „קדימה" פאַר דעם מעלבורנער יידישן ישוב — באַוואוסטזיניק אָדער אונטערבאַוואוסטזיניק — אַ דאַמבע קעגן די אַסימילאַציע כוואַליעס וואָס פאַרגיסן אונדזער אַלגעמיינעם יידישן לעבן. די באַדינגונגען צו פירן אונדזער יידישע קולטור-אַרבעט אויף אַלע געביטן, ווערן אַלץ שווערער און שווערער. דער דור פון די „קדימהוועצעס" און פון די וועלטלעכע יידישע קולטור־טוער ווערט עלטער, קנאַפּער און פון טאָג צו טאָג ווערן מיר אַלס מער הינטערשטעליק לגבי דער „אינגליש־ספּיקינג סאָסייעטי". אָבער מיר זענען נאָך אַלץ די הענג־בריק צווישן די דורות פון נעכטן און דעם „נייעם" היינט. אַזעלכע זענען מיר און מיר ווילן גאָר נישט ווערן אַנדערש.

מיר היטן אָפּ אונדזער מאַמע־לשון, הגם עס איז בפירוש נישט אין דער מאָדע עס אָפּצוהיטן. אמת, מיר קענען נישט איבערגעבן אונדזערע צוקונפטיקע יונגע יידישע טוער דעם ענטוזיאַזם פאַר די יידישע ווערטן וועלכע רופן ביי אונדז אַרויס אַ ציטער, אָבער ווי איך האָב שוין געזאָגט אין מיין אַרטיקל „די קדימה טשערטש", דאַרף אונדזער טעטיקייט ווערן פאַרברייטערט — פאַרברייטערט אין דעם געביט, אַז מיר דאַרפן אַריינגיין אין געביטן פון קולטור־טעטיקייט, וואָס מיר האָבן אַ מאָל געהאַלטן, אַז זיי קענען פאַרמינערן אונדזער פאַרצווייגטע יידישע קולטור־אַרבעט.

לאָמיר באַנוצן צו אונדזער אַלגעמיינער יידישער קולטור־אַרבעט דעם אַלגעמיינעם ביזנעס צוגאַנג. דער אַלגעמיינער ביזנעס-צוגאַנג איז, אַז מיר לעבן אין אַ צייט פון „דעפּאַרטמענט און דיסקאָונט סטאָרס" — דער ברייטער אויסוואַל פון סחורות און אַרטיקלען פון היינטיקן געברויך פאַרגרעסערן דעם מאַרק פון די אָפּנעמערס. די „קדימה" אין איר ווייטערדיקער קולטור־אַרבעט דאַרף און מוז דעם דאָזיקן סיסטעם איינפירן פון איינגעוואוינען דעם קולטור־אָפּנעמער און ספּעציעל דעם יינגערן יידישן קולטור־אָפּנעמער, אַז די „קדימה" האָט נייע קולטור־אַרטיקלען צום פאַרקויפן.

אין אונדזערע הענט ליגט דער גורל פון אַ לעבנס־וויכטיקע יידישע קולטור־אָרגאַניזאַציע פון אונדזער היגן יידישן ישוב. עס איז צוגעקומען אין יאָר 1975 אַ ניי ליכטל אין די ניסים ליכטלעך פון יידיש און יידישע קולטור. איך מיין דאָס נייע יידישע נשמה־ליכטל די יידישע טאָג־שול. איז לאָמיר אין יאָר 1976 צוזאַמען עקשנותדיק ווייטער אָנגיין מיט אונדזער גלויבן, אַז מיר וועלן נישט בלייבן אַ גרופּע אַלטע „מאָהיקאַנער" פון וועלטלעכן יידישקייט, נאָר אַ גרופּע וואָס וועט קענען אָפּגעבן אַ לעבעדיקן פּאָזיטיוון בילאַנס פון איר אָפּגעטוענער אַרבעט בכדי קאָנסטרוקטיוו מיטצוהעלפן בויען דאָס יידישע לעבן און נישט צעמאָלן ווערן אונטער די רעדער פון אַסימילאַציע.

פיר־און־זעכציק יאָר עקזיסטענץ פון „קדימה" גיט אונדז אַ באַנייט געפיל פון מוט און כח זיך צו שטעלן אַנטקעגן אַלע צעשטערערישע כוחות פון אונדזער יידיש לעבן אין אויסטראַליע און אין מעלבורן בפרט, ווען אונדזער אָפּגעטוענע אַרבעט רעדט פאַר אונדז, אַז מיר וועלן איינהאַלטן אונדזער ישוב געזונט און שטאָלץ מיט יידישקייט, מיט יידישער קולטור און יידישער וועלטלעכקייט און דאָס איבערצוגעבן אונדזער צוקונפטיקן יונגערן „קדימה"־טוער.

---

און פון זיין בולטן „פראָגרעס״ אויף פאַרשידענע געביטן. אין אַ געוויסן מאָמענט האָט מיר סעגאַלאָוויטש אָנגעוויזן מיט דער ליולקע אויף זיין אַלטן, גוטן באַקאַנטן גדליה, אַ קוזמירער באַלעגאָלע, וועלכער האָט געהאַט די חזקה צו ברענגען יעדן זומער דעם פּאָפּולערן יידישן שרייבער און דיכטער פון דער באַן־סטאַציע פולאַווי קיין קוזמיר מיט זיין פערד און וועגעלע.

אין שטעטל האָט מען געוואוסט, אַז גדליה האָט זיך אויף דער עלטער „דאָראָביעט״ און זיך פאַרגינען איינצו־האַנדלען אין לובלין אַן אָפּגענוצט אויטאָמאָבילעכל, מיט וועלכן ער האָט לעצטנס אָנגעהויבן צו פירן די „לעטני־קעס״.

— זעסט — זאָגט צו מיר סעגאַלאָוויטש — אָט טאַקע מיין באַלעגאָלע, גדליה, איז דער בעסטער „סימבאָל״ פון דעם גרויסן פּראָגרעס, וואָס אונדזער באַליבטער קאַזי־מיעזש האָט לעצטנס דורכגעמאַכט. פון זיין פערדל איז געוואָרן אַ „פאָרדל״!...

אין מיין זכרון זענען פאַרבליבן די אינטערעסאַנטע מוזיקאַלישע קאָנצערטן פון דעם יידישן פידלער־ווירטואָז בראָניסלאַוו לעווענשטיין. ער פלעגט יעדן זומער געבן אין קוזמיר עטלעכע קאָנצערטן־רעציטאַלן אין דער שיינער, גרויסער וויללע פון זיין פאָטער, דעם אַלטן יידישן אַגראָ־נאָם, וועלכער האָט זיך באַזעצט אויף די שיינע קוזמיר־בערג און אויפגעבויט דאָרטן אַן עקספּערימענטאַלע אַגרי־קולטור־סטאַציע, וואו ער האָט געהאָדעוועט עקזאָטישע פלאַנצן, הערלעכע מינים בלומען און געקרייצט פאַרשי־דענע פּירות.

בראָניסלאַוו לעווענשטיינס קאָנצערטן אין קוזמיר פלעגן תמיד צוציען אַ גרויסן עולם פון צווישן דער פּוי־לישער און יידישער אינטעליגענץ. דער קינסטלער האָט בדרך־כלל תמיד איינגעשלאָסן אין זיין רייכן פּראָגראַם נעבן די שאַפונגען פון וויוואַלדי, מאָצאַרט, טשאַיקאָווסקי אָדער שימאַנאָווסקי אויך די ווערק פון אַ צאָל יידישע קאָמפּאָזיטאָרן. אַ סך פון לעווענשטיינס דעמאָלטיקע צו־הערער האָבן צום ערשטן מאָל מיט גרויס אינטערעס און הנאה געהערט די האַרציקע, לירישע „יידישע מעלאָדיעס״ פון אחרון און ענגעל און געוואָרן מיטגעריסן פון בלאָכס אויפטרייסלענדיקער ״כל־נדרי״.

* * *

איינע פון מיינע אינטערעסאַנטסטע און שטאַרקסטע איבערלעבונגען אין קוזמיר איז געווען מיין ערשטע באַ־געגעניש מיטן גרויסן יידישן טעאַטער־רעזשיסער דוד הערמאַן. אין די זומער־חדשים, אין איינעם פון די אָנהייב צוואַנציקער יאָרן, איז ער אַראָפּגעקומען צוזאַמען מיט די טאַלאַנטפולע יידישע שוישפּילער פון דער „ווילנער טרופּע״ און אָנגעהויבן, אויף דער וועראַנדע פון שענדעראָוויטשעס פּענסיאָנאַט, די פּראָבעס פון זיין שפּעטער באַרימטער אויפפירונג פון ש. אנסקיס מיסטישער פּיעסע „דער דיבוק״.

דער ליבער און מענטשלעך־פיינטלעכער רעזשיסער דוד הערמאַן האָט מיר דערלויבט צו אָבסערווירן „פון דער זייט״ די ערשטע פאַזע פון די פּראָבעס.

די אינטערעסאַנטע, שעפערישע אַרבעט פון גרויסן יידישן בינע־מייסטער האָט אויף מיר דעמאָלט געמאַכט אַ קאָלאָסאַלן רושם און בלי שום ספק גורם געווען מיין פאַר־אינטערעסירן זיך נענטער מיט דער פּראָבלעמאַטיק פון טעאַטער און טעאַטער־רעזשי.

* * *

איינגעקריצט אין מיין זכרון ביזן היינטיקן טאָג זענען פאַרבליבן די קוזמירער יידישע פרייטיק-צונאַכטסן...

פון דער הייך פונעם „באַרג מיט די דריי קרייצן״ האָב איך זיך אין טיפן בין־השמשות אַנטציקט צוזאַמען מיט אַ גרופּע יידישע קינסטלער און אונדזערע פּוילישע חברים מיט דעם פאַנטאַסטישן בילד, וואָס האָט זיך אַנט־פּלעקט פאַר אונדזערע אויגן, ווען אין אַלע פענצטערלעך פון די קליינע יידישע הייזקעלעך האָבן אָנגעהויבן סודות־פול פינקלען די אָנגעצונדענע מיט הענט פון פרומע יידי־שע מאַמעס הייליקע און צאַרטע שבת-ליכטלעך...

און ווען עס האָט זיך נאָך גלייכצייטיק באַוויזן אויפן טונקעלן, אויסגעשטערנטן קוזמיר־הימל אַ בלאַסע, פאַר־חלומטע, שבת׳דיקע לבנה און זי האָט זיך אָנגעהויבן שפּיג־לען אין דער איינגעדרימלטער, זילבערנער ווייסל — האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז אַלע אַרום מיר, יידן און נישט־יידן, נעמט אַדורך אַ ציטער פון טיפן און אויפריכטיקן דרך־ארץ. און עס האָבן זיך מיר דעמאָנט י. ל. פּרצעס פערזן פון זיין באַלאַדע „צוויי ברידער״:

„...עס האָט זיך געלעבט\
די צייט האָט געוועבט\
איר לאַנגן, איר כשרן פאָדעם...״

יאָ — ס׳האָט זיך אַ מאָל אין קוזמיר — אין מיין ליבן יידישן צויבער־שטעטעלע שיין און אינטערעסאַנט געלעבט.

געלעבט אַזוי לאַנג, ביז — ביז ס׳איז אָנגעקומען די שרעקלעכע היטלער־מגפה און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די שוידערלעכע צייט פון גרויל, פּיין און חורבן...

איצט איז מער קיין זכר נישטאָ פון דעם אַמאָליקן, אומפאַרגעסלעכן יידישן קוזמיר.

איך בין נאָך דער מלחמה אַהין נישט געפאָרן... — נישט געקאָנט ביי זיך פועלן...

---

אוש פרושקאָווסקי, אַרום וועלכן עס האָבן זיך קאָנצענט-רירט אַ גרעסע צאָל זייער טאַלאַנטפולע יונגע פוילישע קינסטלער, די איניציאַטאָרן און גרינדער פון דער באַ־רימטער „ברודערשאַפט פון הייליקן לוקאַש". צו דער דאָזיקער גרופּע האָבן אויך געהערט אַלעקסאַנדער יענד־זשעיעווסקי און יאַדוויגאַ פשעראַדזקאַ, מיט וועלכער איך האָב צוזאַמען שטודירט אין דער וואַרשעווער קונסט־אַקאַ־דעמיע. זיי ביידע זענען שפּעטער באַרימט געוואָרן אַלס די טאַלאַנטפולע סצענאָגראַפן פון די פוילישע און יידישע מלוכה־טעאַטערן.

איך בין טיף איבערצייגט, אַז זייערע אָפטע באַזוכן אין אונדזער אַלעמענס באַליבטן שטעטעלע, דאָס גענויע און אויפמערקזאַמע שטודירן דעם יידישן טיפּאַזש און דעם יידישן לעבנס־שטייגער אין קוזמיר, האָט אויף זיי ביידן געהאַט אַ גאָר גרויסע השפעה און האָט זיי דערנאָך זייער פול געהאָלפן צו געפונען מיט מיר, זייער יידישן קאָלעגע און רעזשיסער פון יידישן מלוכה־טעאַטער אין פוילן, אַ שותפותדיקע, קינסטלערישע שפּראַך בעתן אַרומרעדן און באַשטימען די געהעריקע, פּאַסיקע פּראָיעקטן פאַר די דע־קאָראַציעס און קאָסטיומען צו מיינע יידישע פאָלקסטימ־לעכע אויפפירונגען, ווי: „אַ גאָלדפאַדן חלום", „דאָס גרויסע געווינס", „אַ סקאַנדאַל אין גלופּסק", „הערשעלע אָסטראָפּאָלער", און אַ צאָל אַנדערע יידישע ספּעקטאַקלען.

* * *

אין קוזמיר האָב איך אין משך פון אַכט יאָר, בעת די זומער-חדשים, געמאַכט הונדערטער צייכענונגען, סקיצן און פּאָרטרעטן־שטודיומס פון אינטערעסאַנטע, אָריגינעלע יידישע און פוילישע טיפּן.

אין פאַרשידענע וואַריאַנטן האָב איך אָפט געצייכנט דעם פּאָפּולערן אין יענע יאָרן יידישן האָרעפּאַשניק, וועל־כער פלעגט ציען זיין חיונה פון אַריבערפירן אויף זיין שיפעלע פון דער פרי ביזן שפּעטן זון־אונטערגאַנג, די טומלדיקע, צעשטראַלטע און „אויף קויל" אָפּגעברענטע לעטניקעס פון שטאָט־ברעג ביז אויפן פלאַזשע־אינדזעלע, אין מיטן דער ברייטער ווייסל. ער איז געווען אַ האַרציקער ייד, אַ ברייט־פּלייציקער, אַ געזונטער, מיט אַ שיינער, גרויער באָרד, און מיט קלוגע פינקלדיקע, דורכדרינגלע־כע אויגן, פון הינטן די געדיכטע, „וואַטאָווע"־גרויע ברעמען...

דער צווייטער באַליבטער „מאָדעל" מיינער איז גע־ווען ר' לייזער דער וואַסער-טרעגער. אַ הויכער, סוטולאַ־וואַטער ייד מיט אַ הדרת־פּנימדיקן אויסזען פון אַ תלמיד־חכם. אַלע זיינע יאָרן פלעגט ער, אַ שווייגנדיקער, אין זיך פאַרשלאָסענער, פונאַנדערטראָגן די שווערע עמערס פרישן וואַסער אין די יידישע היימען און ער האָט זיך תמיד געשראָקן פאַר „קאָנקורענץ", מורא געהאַט, אַז עמיצער אַנדערש זאָל אים, חלילה, נישט אויסכאַפּן די נישט־לייכטע פּרנסה...

ער פלעגט דעריבער מסכים זיין צו „פאָזירן" — פאַר מיר און אַנדערע יידישע קינסטלער, נאָר שבת נאָך מיטאָג — קיין מאָל נישט אין די וואָכעדיקע אַרבעטס־טעג... אגב האָט ער נישט געהאַלטן דאָס רואיקע זיצן און „פאָזירן" אַלס אַ מלאכה — און זיין פרום געוויסן איז מיט דעם ריין, אַז ער איז מיט דעם, חלילה נישט, מחלל־שבת... דעם האָנאָראַר פאַר זיין „פאָזירן" פלעגט ער אָפּנעמען זונטיק...

* * *

אין קוזמיר האָב איך געהאַט די געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט איניקע אָנגעזעענע יידישע שרייבער און פּאָעטן.

מיט דרך־ארץ האָבן מיר אָבסערווירט די אימפּאָ־זאַנטע געשטאַלטן פון שלום אַש, זוסמאַן סעגאַלאָוויטש, אָדער משה בראָדערזאָן. זיי פלעגן שעהן לאַנג אָפּזיצן אין מאַרק אויפן באַרימטן ברונעם מיטן הילצערנעם דעכל אָדער אויף דער וועראַנדע פון דעם פּאָפּולערן „בערענס־רעסטאָראַן", און פון די דאָזיקע „אָבסערוואַציע־פונקטן" שטודירן דעם קוזמירער לעבנס־שטייגער.

מיר דאַכט זיך, אַז דער גרעסטער ענטוזיאַסט און באַזינגער פון קוזמיר איז געווען ז. סעגאַלאָוויטש. ס'איז מיר געבליבן אין זכרון אַ פראַגמענט פון זיין לירישער פּאָעמע א"נ „קאַזמיעזש", וועלכע איך האָב ליב געהאַט ביי אַ פּאַסיקער געלעגנהייט צו רעציטירן:

איר קענט נישט דאָס שטעטל? עס מעג אייך פאַרדריסן.
דאָ שוועבן אין לעבן לעגענדעס אַ סך,
דאָ שפּיגלען אין טייך זיך פיל בערג און פיל סעדער,
דאָ ציט זיך צום הימל אַ שלאָס אָן אַ דאַך.

אין שלאָס האָט געלעבט ווען דער איידלסטער קעניג —
היינט קראַקען דאָרט קראָען פון לאַנג שוין, אויף לאַנג...
און אָפט מאָל ביינאַכט פאַלט אין פּאַלאַץ אַ שטערן —
נאָר קיינער געפינט נישט דעם הימלס געשאַנק.
דאָ לעבט נאָך די אמתע יידישע פרומקייט

און שטאַרבט ווי די אוראַלטע דעמבעס ביים וועג —
דאָ ווייזט זיך נאָר אָפט אַ צעשראָקענע סאַרנע
און לויפט באַלד אַוועק מיט אַ גרעסערער שרעק...

* * *

איך דערמאָן זיך אַ שמועס מיט ז. סעגאַלאָוויטשן אין יאָר 1929, בעת מיר זענען איין מאָל געזעסן צוזאַמען אויפן ברונעם אין מיטן מאַרק. מיר האָבן גערעדט מיט שטאָלץ וועגן דער שטייגנדיקער פּאָפּולערקייט פון אונדזער קוזמיר

יעקב ראָטבאַום

# מיין קוזמיר, מיין שטעטעלע קוזמיר...

(זכרונות פון אַמאָל)

איך האָב די טעג באַקומען אַ בריוועלע פון קוזמיר, געשריבן פון מיינעם אַ נאָענטן פריינד, אַ באַקאַנטן יידישן זשורנאַליסט. ער וואוינט אין וואַרשע און האָט באַשלאָסן צו פאַרברענגען זיין קורצן צוויי-וואָכיקן אורלויב אין שטעטעלע קוזמיר, ביי דער ווייסל.

דאָס דאָזיקע בריוועלע האָט אַרויסגערופן ביי מיר אַ כוואַליע מיט רירנדיקע דערינערונגען און רעפלעקסיעס.

* * *

ס'זענען אויפגעשוואומען אין זכרון יענע „אַלטע, גוטע צייטן" — צווישן די יאָרן 1920־1930, ווען איך פלעג יעדן זומער אין משך פון חדשים פאַרברענגען אין דעם אַמאָליקן צויבער־שטעטעלע, איבער וועלכן עס הויכט די אַלטע ראָמאַנטישע לעגענדע וועגן דער שיינער קוז־מירער יידישקע אסתרקע, אין וועלכער עס האָט זיך בשעתו אַזוי שטאַרק פאַרליבט דער פוילישער מלך־חסד, קאַזימיר דער גרויסער...

* * *

אין די 20-קער יאָרן האָב איך אָנגעהויבן צו שטעלן מיינע ערשטע פראָפעסיאָנעלע טריט אויפן געביט פון דער פלאַסטישער קונסט. איך האָב זיך פאַרנומען מיט סקולפּטור, גראַפיק, צייכענען. ספּעציעל האָט מיך אינטע־רעסירט דער פּאָרטרעטן־זשאַנער. איך פלעג דעריבער זייער אָפט פאָרן קיין קוזמיר, וואָס האָט דעמאָלט געהאַט אַ גרויסן שם אַלס אַן אָריגינעל, אייגנאַרטיק און כמעט דורכאויס — יידיש שטעטעלע.

עס האָט טאַקע דאָרטן תמיד געווירבלט אַ גרויסע צאָל שרייבער, פּאָעטן, קינסטלער, מאָלער און צייכענער, וועלכע האָבן פאַר זיך געזוכט און געפונען אויסערגעוויינ־לעך אינטערעסאַנטע, כאַראַקטעריסטישע שטייגער־טיפּן צווישן דער יידישער און פוילישער באַפעלקערונג, פאַר־שידענע געשטאַלטן, וועלכע האָבן געקאָנט דינען אַלס מאָ־דעלן צו מאָלערישע און גראַפישע קאָמפּאָזיציעס און אויך אַלס אינספּירירנדיקע טעמעס פאַר ליטעראַרישע און דיכ־טערישע באַאַרבעטונגען.

די קינסטלער־פּלאַסטיקער, וועלכע האָבן זיך ספּעציאַליזירט אין פּייזאַזש-מאָלעריי, זענען געווען באַגייס־טערט פון דער וואונדערלעך־שיינער אַרומיקער נאַטור, פון די סודות־פולע שלאָס־רואינען אויף די בערג, פון די געהיימנישפולע ראָמאַנטישע טאָלן („וואָנוואָזן"), פון דער פאַרחלומטער ווייסל בעת די שיינע, שטימונגספולע זונען־אונטערגאַנגען...

אָבער מער פון אַלעם האָבן די קינסטלער „עקספּלואַ־טירט" די אינטערעסאַנטע, ספּעציפישע אַרכיטעקטור פון דעם אַלטן מאַרק, אַ פאַרבויטן מיט אַ צאָל כאַראַקטעריס־טישע רענעסאַנס־געביידעס און אַלטע שפּייכלער, די שמאָלע יידישע געסלעך מיט די נידעריקע איינגעהויקער־טע הייזעלעך, די פּילצאָליקע קליינע באַלקאָנדלעך, גע־שניצטע גאַניקעס, געדרייטע קרומע טרעפּ און צעבראָכע־נע פאַרקאַנעס...

* * *

איך דערמאָן זיך די טומלדיקע קוזמירער יאַרידים, יעדן דינסטיק, מיט זייער פילפאַרביקייט, געדראַנג, גע־פילדער, דורכגעפלאָכטן מיטן הייזעריקן זינגעריי פון די בלינדע בעטלער און קאַליקעס מיט די פאָלקסטימלעכע מעלאָדיעס, אויסגעשפּילטע אויף האַרמאָשקעס און פייפ־לעך פון די דאָרפישע, וואַנדערנדיקע כלי־זמרים...

איך געדענק אויך, ווי בעתן דויערן פון יאַריד האָט מען געקאָנט באַמערקן אין פאַרשידענע ווינקעלעך פון מאַרק־פּלאַץ, אויף די שטיגן פון די אַרומיקע הייזער, באַלקאָנען און גאַניקלעך, אָפט אויך אויף די דעכער פון די שפּייכלער, ווי די פּילצאָליקע יידישע און פוילישע קינסטלער אָנגעטאָן אין זייערע מיט אייל-פאַרבן פאַר־שמירטע און באַפלעקטע אַרבעטס-כאַלאַטן און מיט גרויסע ברייט־ראַנדיקע שטרויענע קאַפּעלושן אויף די קעפּ, האָבן סקיצירט, געצייכנט און געמאָלן אויף דער „הייסער מינוט" גאַנצע גרופּעס און שטייגער־סצענעס!

פאַר אונדז, יונגע קינסטלער, איז יעדער קוזמיר־יאַריד געווען אַ פריידיקער יום-טוב פול מיט קאָליר, קלאַנג און באַוועגונג.

* * *

אין קוזמיר האָב איך אויך געהאַט די גרויסע סאַטיס־פאַקציע און דאָס פאַרגעניגן זיך נעענטער צו באַקענען מיט דער פּלעיאַדע יידישע קינסטלער-פּלאַסטיקער פון גאַנץ פּוילן, אָבסערווירן פון דער נאָענט זייער נאָוואַטאָ־רישקייט און ערנסטע זוכענישן פון נייע סטילן, נייע פאָר־מען פון קינסטלערישן אויסדרוק.

דאָרטן האָב איך זיך באַפריינדעט מיט די טאַלאַנט־פולע חברים הענריק בערלעווי, יצחק ברוינער, נתן שפּיגעל, פעליקס פרידמאַן, יוסף שליווניאַק, נתן קאָזשען, חיים טראַכטער, אפרים און מנשה זיידענבויטעל — די זייער באַגאַבטע צווילינג-ברידער, און מיט נאָך פיל אַנ־דערע, פון וועלכע איך האָב אַ סך געלערנט.

* * *

אַ זייער גרויסן איינפלוס אויף דער דעמאָלטדיקער קינסטלערישער אַטמאָספער אין קוזמיר האָט געהאַט דער אָנגעזעענער פוילישער קונסט־מאָלער, פּראָפעסאָר טאַדע־

## י. מ. לעווין
# בדמיך חיי!

וואַרשעווער געטאָ,
נאָך צעוואָלגערטע יאָרן אין זכרון פֿאַרברענטע
וואַרפֿסט מיר אין פּנים: דו האָסט מיר פֿאַרלאָזן! ...
געווען איז דיין חן דאָן טרויעריק און עלנט,
און געוואָיעט האָבן ווינטן מיט טויט־גזר צעבלאָזן.

געריסן האָט די צייט מיט ברוין־קרעציקע נעגל
אין מיין לויף צו אַ נישט־וויסן פֿון געשענדטער ערד,
דיין גורל איז געווען מיינער אויף יעטוועדן שטעגל
אין אַנגסטיקן לויף צווישן שווערד און שווערד.

דיין רוף כ׳האָב דערהערט אַ טאָג נאָך דער שחיטה —
קום און זע! ... דאָס אַש האָט נאָך אונטער די פֿיס געגליט.
געוויינט האָט דיין בראָך: איך בין געווען דאָס בית דאָס דריטע! ....
פֿאַרלאָז מיך נישט, זונעניו! ... מיין ריינקייט פֿאַרהיט!

איך האָב נישט פֿאַרהיטן! ... פֿאַרהיטן נישט געקאָנט!
ברונעמער פֿול שנאה אויף דיין מינדסטן שפּליטער
האָט דיין שכן געגאָסן מיט פֿרעכער האַנט —
און פֿאַרווערט מיר — דיין יורש און קדיש — צו ווערן דיין היטער.

וואַרשעווער געטאָ,
פֿאַרשטומט איז אויף אייביק דיין יוגנט־געזאַנג —
געבליבן נאָר שאָטנס אויף ווילד־פֿלאַנציקע גראָזן,
דער צייכן פֿון טריט אין געטריבענעם גאַנג —
פֿון די פֿון גאָט פֿאַרגעסן, פֿון מענטשן פֿאַרלאָזן.

זיי שטייגן פֿאַרשטומטע, מיט ציינער פֿאַרפּרעסטע
פֿון אונטער די חורבות פֿאַרשאַרטע אויף קויל,
זוכן זיי דעם רחמים מיט קרייצן פֿאַרפּעסטעט?
זוכן זיי דעם לעצטן קרעכץ פֿאַרשטעמט אין דער קעל?

דעם ערשטן שטערן זיי זוכן, פֿון די שבת־פֿאַרנאַכטן,
דעם טראָפּן אמונה וואָס האָט די נשמה גענערט,
און שטייגן מיט טענות צום אייביק גערעכטן:
— טאַטע, אונדזערע תפֿילות פֿאַר וואָס נישט דערהערט?!

אין חלל שוועבן צוויי בליציקע אויגן,
דער למדנישער שטערן מיט יסורים צעאַקערט —
זיי קענען די אויגן, אַזעלכע ליבע, אַזוי אייגן —
ס׳אַראַ מחשבה האָט איצט זיי צעפֿלאַקערט?

ער נעמט זיי מיט זיך אין אייביקייט וואַנדער,
אין דער מלוכה פֿון שטילקייט שטאַרקער פֿאַרן טויט,
ער, וואָס זיך וואָרט פֿון פֿלאַמען אַ צינדער,
שעפּעשעט זיי ליבלעך, אַ סוד זיי פֿאַרטרויט:

— איר האָט דערשטיגן צום „אויב נישט נאָך העכער״
טויט אַ טרעט און אַ שמייכל אין די אויגן אַ גלי —
„מיט אייערע טרערן איז פֿול גאָטס בעכער״ —
און זיך אייביקע בענטשונג: בדמיך חיי! ...

## דוד האָפּשטיין
# רגעס

אַט זע איך: זי שטייט ביי דעם ראַנד פֿון דער גרוב
מיט איין קלייד אויף די לענדן.
זי איז שיין ווי דער טאָג, ווי דער לויטערער טאָג,
און די גלידער — זיי בלענדן.
זי שטייט און זי טוט זיך נישט אויס,
און אָט גייט שוין צו איר אַ רוצח...
זי זוכט עפּעס מענטשלעכס אין אים,
מיטן לעצטן אוממענטשלעכן כוח...

און ער איז צום זויבער פֿון אומשולדיקן לייב
אַ צען שפּאַן נישט דערגאַנגען —
אַ פֿאָרהאַנג אַ שווערער פֿאַר אים איז געפֿאַלן
און האָט זי פֿאַרהאַנגען...
זי שטייט ביי דעם ראַנד, און אָט שיקט מען צו איר
שוין אַ מערדער אַ צווייטן.
געלעכטער און שפּאָט און באַפֿעלן, ווי בייטשן,
דעם מערדער באַגלייטן...
אַ רגע געוואָרן איז שטיל —
ער איז אויך צו דער שטעל שוין געקומען,
פֿון וואַנען אַוועק איז דער ערשטער.
דאָס מיידל מיט בליקן מיט שטימע
אים צווינגט דער פֿאַרשיכורטן קאָפּ אויפֿצוהייבן,
איר ווען דערשפּירן,
געהיים אין געראַנגל צו ברענגען
דעם מאַרך אין פֿאַרגרעבטע געהירן...

און ער, ווי דער ערשטער, איז אויך אָט־די זעלבע
צען שפּאַן נישט דערגאַנגען,
אויך אים האָט די קראַפֿט פֿון איר אומשולדיק ווען
געהאַלטן אין צוואַנגען...
דאָס ווילדע געשריי פֿון דעם שיכורן הייפֿל
געהילכט האָט נאָך העכער,
אין גרימצאָרן האָט זיך געזידלט דער יינגסטער —
דער עלטסטער פֿאַרברעכער...
ווי הינטישע ווענס געשלאָגענע,
שטייען נישט ווייט אָט־דיביידע,
און דאָרט אומבאַוועגט שטייט דאָס נאַקעטע קינד,
וואָס פֿאַרהאַלט די עקידה...

אין נאָמען פֿון שיינקייט פֿאַרשוועכטער,
פֿון רוצחיש צעטראָטענער יוגנט —
איך שווער, אַז מיין האָס צו די רוצחים
וועט קיין מאָל נישט ווערן באַנוגנט!

א. זשעלעזניקאָוו

# „אויף א בית-עלמין — מאכט מען נישט טעאטער“

**אַ דערמאָנונג וועגן טעאַטער אין געטאָ**

ס׳איז געווען אין אָנהויב יאַנואַר 1942 יאָר. פון די קרוב 80 טויזנט יידן וואָס האָבן אין יוני 1941 געלעבט אין ווילנע איז קוים איבערגעבליבן 15 טויזנט פאַרשפאַרטע יידן אין ווילנער געטאָ.

די נאַצי־מערדער האָבן לויט זייער פּלאַן פון פאַר־ניכטונג, באַשלאָסן צו געבן די פאַרשפאַרטע יידן אין געטאָ אַ קורצע אָטעם פויזע. זיי האָבן פּרובירט צו פאַרשפּרייטן דעם פאַלשן קלאַנג, אַז שקלאַפן אַרבעט קען ראַטעווען די רעשטלעך פון יידישן ווילנע.

דער פּאָליציי־שעף פון געטאָ — יעקב גענס און זיינע מיטאַרבעטער זענען געווען די פּראָפּאַגאַטאָרן און אויספי־רער פון דעם דאָזיקן געדאַנק.

אין געטאָ האָט זיך איינגעשטעלט אַ פאַרהעלטנסמע־סיק „רואיק“ לעבן. יעדן טאָג פלעגן אַ צענדליק יידן געכאַפּט ווערן אונטער פאַרשידענע פּרעטעקסטן און אומ־געבראַכט ווערן אויף פּאָנאַר. נאָר קיין מאַסן־פאַרניכטונגען ווי אין די פריערדיקע חדשים איז נישט פאָרגעקומען און דאָס לעבן אין געטאָ האָט זיך אָנגעהויבן צו „נאָרמאַליזירן“ און איינגעשטעלט אין אַ טאָגטעגלעכער רוטין.

די נאַציס האָבן פאַרלאַנגט, אַז זייערע שקלאַפן זאָלן זיך פאַרוויילן און גענס האָט באַשלאָסן צו מאַכן אַ קאָנצערט פאַר זיינע פּאָליציייאישע מיטאַרבעטער און אויך איינצו־לאַדן זיינע דייטשע מושלים.

אין איינער אַ יאַנואַר נאַכט פון 1942 האָט אונדז — פּאָלקע לאַבאַנען, היינט אין ישראל, און מיר — אַרויסגע־רופן הערמאַן קרוק אין זיין קליין צימערל אויף שאַוולער גאַס און אונדז דערקלערט: „גענס וויל געפעלן ווערן זיינע היטלעריסטישע בעל־הבתים און גרייט צו אַ קאָנצערט אין געטאָ. מען מוז זיך קעגנשטעלן זיין ווילקיר. מיר האָבן צו־געגרייט אויפרופן, וועלכע איר דאַרפט היינט ביינאַכט אויסקלעפן איבער די געטאָ געסלעך“.

אויף מאָרגן פרי ווען די געטאָ־איינוואוינער זענען געגאַנגען צו זייער שקלאַפן־אַרבעט האָבן פון אַלע ווענט אַראָפּגעשריען קליינע ווייסע צעטעלעך:

אין שייכות מיטן היינטיקן קאָנצערט
אויף אַ בית עלמין —
מאַכט מען נישט טעאַטער.

דער קאָנצערט איז באָיקאָטירט געוואָרן דורך דער גאַנצער געטאָ באַפעלקערונג, אויסער גענסן און זיינע מיט־אַרבעטער.

ווען דאָס לעבן אין ווילנער געטאָ האָט זיך אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן, ווען ס׳איז אַנטשטאַנען דער געזעלשאַפט־לעכער הילפס־קאָמיטעט, די יידישע שולן און גימנאַזיע, די ביבליאָטעק און לייען־זאַל, דער קינדער און יוגנט־קלוב, איז אויך געשאַפן געוואָרן דער יידישער טעאַטער אין ווילנער געטאָ.

דער טעאַטער האָט געהאַט פאַר אַ ציל נישט צו פאַר־ווילן און מאַכן פאַרגעסן, נאָר צו מוטיקן און שטאַרקן דעם גלויבן, אַז מיר קענען און וועלן אויסהאַלטן; צו רופן צום קאַמף מיטן פאַשיזם, צו פאַרפעסטיקן דעם גלויבן אין זיג פון ליכטיקייט איבער פינצטערניש.

אין געטאָ זענען געווען צענדליקער יידישע אַרטיסטן, קינסטלער און מוזיקער; זיי האָבן אָרגאַניזירט אַן ערשט־קלאַסיקן טעאַטער וואָס איז געשטאַנען אויף אַ הויכער מדרגה. אויסער פּיעסן פון יידישן קלאַסישן רעפּערטואַר, האָבן זיי געשפּילט איבערזעצונגען פון אייראָפּעאישע פּיעסן ווי אויך אַ גאַנצע ריי פּיעסן ספּעציעל געשאַפענע אין געטאָ, צוגעפּאַסט צו דער געטאָ־טעמאַטיק, וואָס זענען ביז היינט צו טאָג אַ גייסטיקער מאָנומענט נאָך אונדזער פאַרשניטן פאָלק.

אין די שווערסטע יאָרן פון יידישן אומקום און פּיין האָט דער יידישער טעאַטער נישט אויפגעהערט צו דער־פילן זיין ראָל פון דערמוטיקער און אויפקלערער. זיין מאָטאָ איז געווען:

„...וואו די קויל קאָן נישט דערלאַנגען
דער געלעכטער טוט אַ ברי...
...אײדער אומקומען —
איז בעסער העלדיש צו פאַרגיין.
אויסשטרעקן דעם האַלדז
צום מעסער —
ניין, אָ ניין, אָ ניין!“

נער פוילישער דעפענסיווע. זיי איז באַקאַנט געווען אַלע געוועזענע קאָמוניסטישע טוער — פוילישע ווי יידישע — נאָך פון פאַר דער מלחמה. די דעפענסיווע אַגענטן וואַרפן אָן אַ מורא אויף אַלע געוועזענע טוער פון די אַר־בעטער־פּאַרטייען אין געטאָ. די פוילשע געסטאַפּאָ־אַגענטן אַרעסטירן פיל אַרבעטער-טוער אין געטאָ און פירן באַלד אויס דעם אורטייל.

אין יוני 1942 ווערט פולשטענדיק פּאַראַליזירט די גאַנצע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע אַרבעט אין געטאָ. אין איין נאַכט פון פרייטיק אויף שבת זענען אַרויסגענומען געוואָרן פון זייערע וואוינונגען אין געטאָ איבער 50 יידישע טוער און מען דערמאָרדעט זיי אויף די גאַסן. זייערע קערפּערס זענען שנעל אַוועקגענומען געוואָרן דורך דער יידישער אָרדענונגס־דינסט (פּאָליציי) און אַוועקגעפירט אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג.

דער אַנטי־פאַשיסטישער פראָנט, וועלכער איז אַנט־שטאַנען אין געטאָ, האָט נאָך די געשעענישן אויפגעהערט צו עקזיסטירן. דער אַנטי־פאַשיסטישער בלאָק וועלכער האָט פיל האָפענונגען געלייגט אויף די פּ.פּ.ר. — אַז די אָרגאַניזאַציע וועט העלפן דעם אונטערגייענדיקן געטאָ אין איר קאַמף און אויסדויער — האָבן זיך ביטער אַנ־טוישט.

דעם 22־טן יולי 1942 הייבט זיך אָן די ליקווידאַציע פון וואַרשעווער געטאָ. די פירער פון דער יידישער אונ־טערערדישער באַוועגונג זענען פאַרצווייפלט — ווייסן נישט וואָס צו טאָן. מ׳וויל זיך פאַרשטענדיקן מיט די פוילישע אָרגאַניזאַציעס — זיי שווייגן.

יוסף לעוואַרטאָווסקי, אוזשעק, זאַגאָן רופן אַ באַראַ־טונג פון געזעלשאַפטלעכע טוער. די פאָרשטייער פון אַלע ריכטונגען קומען צו דער באַראַטונג וועלכע דויערט אַ גאַנצע נאַכט. ס׳ווערט באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַן אויפרוף צו דער יידישער באַפעלקערונג אין געטאָ, אין וועלכן עס ווערט געזאָגט, אַז קיינער גייט נישט פרייוויליק צום אומשלאַג־פּלאַץ. צענדליקער טויזנטער יונגע מענטשן ברעכן אויף די מויערן פון געטאָ און רייסן זיך דורך דער שטאָט — פאַרניכטן וואָס איז מעגלעך. אין געשלאָסענע רייען קריגן זיי זיך דורך אין די וועלדער און אָרגאַניזירן פּאַרטיזאַנער אָפּטיילונגען. זיי זעצן פאָר דעם קאַמף פאַרן יידישן כבוד ביזן לעצטן מאָמענט.

דער אויפרוף איז געדרוקט געוואָרן צום לעצטן מאָל אויף אַ העקטאָגראַפישער מאַשין אין דער דרוקעריי פון „טאָז״ אין וואַרשע אויף גענשע 43.

# צום הייליקן אָנדענק פון אנא פראנק

אין דעם פּראָגראַם פון דער געטאָ־אַקאַדעמיע, דעם 26־טן אַפּריל, וועלן די קינדער פון דער „הר־הצופים״־שול לייענען אויסצוגן פון דעם טאָג־בוך פון דעם לעגענדאַרן יידיש מיידל אַנאַ פראַנק, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט נישט מיט העלדישקייטן פון פיזישער טאַט, נאָר מיט דערהויבנ־קייט פון מענטשלעכע געפילן. אין אירע טאָג-בלעטער, געשריבן אין איר באַהעלטעניש, האָט זי איבערגעגעבן אין אַ קינדישער פאָרם דעם פאַטאַלן גורל פון אַ יידיש קינד אין די דאָזיקע טעג פון ברוטאַלער חיהשער פאַר־דאָרבנקייט.

די שורות וואָס אַנאַ פראַנק האָט געשריבן אין איר טאָג־בוך מאַכן אויפציטערן — צום היינטיקן טאָג — מיליאָנען מענטשן, יידן און נישט-יידן, וואָס שטייען מיט געבויגענע קעפּ פאַר דעם מאָנומענט, וואָס שטייט אין אַמסטערדאַם אונטער דעם נאָמען „אַנאַ פראַנק הויז״.

וואָס פילן די מענטשן וועלכע קומען קיין אַמסטער־דאַם צו דעם „אַנאַ פראַנק הויז״? ווי אַזוי נעמען אויף די באַזוכער די איינצלנע טראַגעדיע פון אַ יידיש קינד, וואָס שפּיגלט אָפּ די גרויסע טראַגעדיע פון אַ מיליאָן יידישע יידישע קינדער?

עס איז שווער צו ענטפערן אויף דער דאָזיקער פראַגע גענוי און פּינקטלעך. איין זאַך איז אָבער יאָ קלאָר: די באַזוכער וואָס גייען אַריין אין „אַנאַ פראַנק הויז״ און זיי קוקן זיך אַרום אויף דעם „מוזיי״ פון אַן אָרעם בענקל, אַ טיש, אַ בעטל און אַ שאַנק מיט אַ טיר, וואָס איז געווען דאָס באַהעלטעניש פאַר די מערדער, רופט דאָס אַרויס אַ טיפן דרך־ארץ. גייענדיק פון ווינקל צו ווינקל, פילט מען וואָס אַנאַ פראַנק האָט דערציילט און דאָס צווינגט אויף זיך אַריינצוטראַכטן אין דער קדושה און פּיעטעט וואָס פילט זיך אַרויס פון יעדן קעגנשטאַנד, וואָס דאָס צאַרטע יידישע מיידל האָט באַרירט.

דאָס טאָג־בוך פון דער פופצן־יאָריקער אַנאַ פראַנק איז דעם 4טן אויגוסט 1944 איבערגעריסן געוואָרן, בעת די נאַציס האָבן זיך אַריינגעריסן אין דער באַהעלטעניש פון דער פאַמיליע פראַנק אויף דער פרינגסראַכט גאַס נומער 263 אין אַמסטערדאַם. אַנאַ פראַנק איז געוואָרן אַ לעגענדע פאַר דער וועלט. זי איז אומגעקומען ווי מיליאָנען קינדער?

כבוד איר און זייער אָנדענק!

י. אָרבאַך

דער פוילישער שפּראַך. אין מיטן איינאונפערציק איז דער ביולעטין „מאָרגן פריי״ פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טאָג־ציייטונג וועלכע איז אַרויסגעגאַנגען פינף מאָל אין דער וואָך. דאָס דערשיינען פון אַ טעגלעכע אומלעגאַלע צייטונג אין די שווערע געטאָ־באַדינגונגען איז באַשטימט געווען אַ וויכטיקער אויפטו, אַ גרויס געשעעניש אין געטאָ.

די טעגלעכע צייטונג „מאָרגן פריי״ האָט, אויסער די קאָמוניקאַטן פון די פראָנטן און פּאָליטישע כראָניק, אויך געווידמעט אַ סך אָרט דעם יודן-ראַט, דעם אַפּראָווי־זאַציע־אַמט, און די יידישע אָרדענונגס־דינסט. אין געטאָ האָט די צייטונג „מאָרגן פריי״ זיך פאַרשאַפט גרויס אָנזען. דער גרעסטער פּראָבלעם פאַר דער צייטונג איז געווען דער קאָלפּאָרטאַזש, 500 עקזעמפּלאַרן — פינף מאָל אַ וואָך, האָבן געזאָלט צוגעשטעלט ווערן אין ביידע געטאָס אויף באַשטימטע אַדרעסן. דער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַרן קאָלפּאָרטאַזש איז געווען דער פּאַפּיעראָסניק פון ראָג גענשע און לובעצקע — יצחק נולמאַן און זיינע צוויי זין.

אין דעצעמבער 1941 האָט די צייטונג געענדערט דעם נאָמען פון „מאָרגן פריי״ אויף „מאָרגן־פרייהייט״. דאָס איז געקומען אַלס רעזולטאַט פון באַווייזן זיך אין געטאָ שליחים פון מאָסקווע און זיי זענען געווען די, וועלכע האָבן דער צייטונג געגעבן אַ קאָמוניסטישן סטעמפּל. פאַקטיש האָבן די מאָסקווער שליחים באַלד איבערגענומען די צייטונג. זיי האָבן געוואָלט דורך דער צייטונג אָרגאַניזירן די נייע פּאַרטיי, וועלכע איז אַנטשטאַנען — די פּ.פּ.ר. די נייע באַפעלער פון דער צייטונג האָבן פיל געענדערט אין אינ־האַלט פון דער צייטונג. אין דער ערשטער ריי האָבן זיי אַטאַקירט די דעלעגאַטור פון דער לאָנדאָנער רעגירונג אין פוילן.

אין וואַרשעווער געטאָ איז די פירער פון פּ.פּ.ר. גע־לונגען צו אָרגאַניזירן 150 פּערזאָן אין 30 קעמערלעך (געוועזענע קאָמוניסטן), אויף דער פּוילישער גאַס אָבער האָט זיך נישט איינגעגעבן ווען ס'איז צו אָרגאַניזירן. קיינער האָט נישט געהאַט קיין צוטרוי צום נאָמען פּ.פּ.ר. און נישט צו די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער פּאַרטיי. די גאַנצע אָרגאַניזיר אַרבעט פון די פּ.פּ.ר., אין איר ערשטער פאַזע, איז פאָרגעקומען אין די געטאָס פון וואַרשע, ראַדאָם, קעלץ און לובלין.

ווען ס'איז קלאָר געוואָרן ווער ס'זענען די אַרויסגע־בער פון דער „מאָרגן־פרייהייט״, האָבן אַ סך אַבאָנענטן און אונטערשטיצער זיך אָפּגעזאָגט פון דער צייטונג. די מאַטעריעלע הילף וועלכע איז געקומען פון דער פּוילישער זייט שטעלט זיך אויך אָפּ. זיי ווילן נישט אונטערשטיצן קיין קאָמוניסטישע, פּראָ־מאָסקווע צייטונג.

נאָך אַ קורצע צייט האָט דער געטאָ־קאָמיטעט פון די פּ.פּ.ר. באַשלאָסן צו ליקווידירן די „מאָרגן-פרייהייט״. אויף איר אָרט באַווייזט זיך אַ בלעטל, וועלכעס רופט זיך „אַנטי־פאַשיסטישער בלאָק״, וואָס איז געשאַפן געוואָרן נאָר אין וואַרשעווער געטאָ. שפּעטער ווערט דאָס בלעטל אָנגערופן „האַמער״ אָדער „דער גלאָק״, וועלכע האָבן פאַרעפנטלעכט נאָר קאָמוניקאַטן פון מאָסקווע און פון ראַדיאָ „קאָש־טשושקאָ״. די דרוקעריי, וועלכע האָט זיך געפינען אין דער געביידע פון „טאָז״ איבער צוויי יאָר, ווערט ליקווי־דירט. דאָס ליקווידירן דורך די פּ.פּ.ר.־אָנפירערשאַפט דאָס טעגלעכע בלעטל אין געטאָ רופט אַרויס פיל פאַרדרוס ביי אירע אייגענע מיטגלידער.

אויף דער פּוילישער גאַס האָט די פּ.פּ.ר. נאָך נישט קיין אָנהענגער און נישט קיין אָרגאַניזאַטאָרן. יידישע אַק־טיוויסטן, וועלכע האָבן אַ גוטן „אַרישן״ אויסזען און באַהערשן די פּוילישע שפּראַך, ווערן אַריבערגעוואָרפן אויף דער פּוילישער זייט צו פירן פּאַרטייאישע אַרבעט. פיל יידישע אַקטיוויסטן קומען אום צוליב פּאַרראַט און פּראָוואָקאַציעס. אַ טייל געלינגט צוריק אַריינצוקריגן זיך אין געטאָ, אָבער דער גרעסטער טייל ווערט דענונצירט דורך פּראָוואָקאַטאָרן און „שמאַלצאָווניקעס און איבערגע־געבן אין די הענט פון דער, געסטאַפּאָ. די פּלאָג פון פּראָ־וואָקאַציעס טראָגט זיך שפּעטער אַריבער אין געטאָ. די פּאָליאַקן אַנדזשעיעווסקי און קיסילאָוו זענען די פאַר־בינדלער מיטן געטאָ. ביידע האָבן דערלויבענישן אַריינ־צוקומען אין געטאָ, זיי זענען די, וועלכע קויפן אויך אויף אין געטאָ דרוק מאַשינען און שריפטן און פירן דאָס אַריבער אויף דער אַרישער זייט. ווי ס'האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, ווערן די דרוק מאַשינען דורך זיי פאַרקויפט אָבער נישט צו די פּ.פּ.ר. אָרגאַניזאַציעס.

אין יוני 1942 טרעפט זיך אין געטאָ וואַרשע דער פאָרשטייער פון די פּ.פּ.ר. קיסילאָוו מיטן יידישן געטאָ־קאָמיטעט פון די פּ.פּ.ר. די טרעפונג איז פאָרגעקומען אין גרינשפּאַנס רעסטאָראַן ראָג גענשע און זאַמענהאָף. מען האָט אונטערהאַנדלט וועגן אַ דרוק מאַשין, וועלכע דער יידישער קאָמיטעט פון די פּ.פּ.ר. האָט געזאָלט געבן דער פּוילישער פּ.פּ.ר. אין דעם מאָמענט זענען אַריינגעקו־מען אין רעסטאָראַן געסטאַפּאָ-אַגענטן און אַרעסטירט אַלע פיר: קיסילאָוו, שמידט, מערעטיק און וואַלאַסקאָ. שמידט און וואַלאַסקאָ זענען געווען די, וועלכע מאָסקווע האָט געשיקט קיין פוילן. אַלע פיר ווערן אָפּגעפירט אין פּאַוויאַק. ראָג קאַרמעליצקע און דזשעלנע רייסט שמידט אַרויס דעם רעוואָלווער ביים געסטאַפּאָוויעץ און פּרוווט אַנטלויפן. עס ברעכט אויס אַ שיסעריי, שמידט ווערט פאַרוואונדעט און אָפּגעפירט אין פּאַוויאַק. דורך אומוועגן ווערט באַקאַנט, אַז דער פּאָליאַק קיסילאָוו איז געוואָרן באַפרייט פון פּאַ־וויאַק — ס'איז געוואָרן קלאָר, ווער עס איז דער פּראָ־וואָקאַטאָר.

אין דער זעלבער נאַכט האָבן יידישע אַקטיוויסטן, וועלכע האָבן זיך געפונען אויף דער אַרישער זייט, באַ־קומען אַ באַפעל אויסצופירן דעם טויט-אורטייל איבער קיסילאָוו. איינס ביינאַכט האָבן די יידישע אַקטיוויסטן אָנ־געקלאַפּט אין דער וואוינונג פון קיסילאָוו אויף זשעלנע 12 און דערשאָסן דעם פּראָוואָקאַטאָר.

מיטן אַנטשטיין פון דער פּ. פּ. ר. באַשעפטיקט די געסטאַפּאָ פיל פּוילישע געהיים־אַגענטן פון דער געוועזע־

די טעראָר באַדינגונגען איז פאַר יידן שווער געווען איינ־צוקויפן פּראָוויאַנטן, מעדיצינישע מיטלען און אין דעם פּרט האָבן די פּאָליאַקן געהאָלפן. די יידישע לינקע אָרגאַניזאַציע האָט אָנגענומען דעם זעלבן נאָמען ווי די פּוילישע: „סערפּ און האַמער". ס'איז געווען אַ געוויסע צייט, ווען די אָרגאַניזאַציע האָט געציילט עטלעכע הונ־דערט מיטגלידער; זיי האָבן געהאַט אַן אייגענע קיך, אויף צעגלאַנע 19 און האָבן אַרויסגעגעבן טעגלעך עטלעכע הונדערט מאָלצייטן. די יידישע אָרגאַניזאַציע האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ וועכנטלעכן ביולעטין אין פּויליש. שפּע־טער איז דער ביולעטין אַרויסגעגעבן געוואָרן אין יידיש. וואַרשיינלעך איז דאָס געווען דאָס ערשטע יידישע אונטער־ערדישע בלעטל אין וואַרשע.

אין דער אָנפירערשאַפט פון דער אָרגאַניזאַציע איז געשטאַנען חיים אַנקערמאַן, אַ געוועזענער טראָצקיסט. ער איז גלייכצייטיק געווען דער סטרוזש פון גרויסן הויף אויף צעגלאַנע 19. אין די קעלערן פון דעם הויף האָט די אָרגאַ־ניזאַציע געהאַט די דרוקעריי און דעם ראַדיאָ־אַפּאַראַט. גלייכצייטיק האָבן זיך מיליטעריש געאיבט צענדליקער יונגנטלעכע אין די קעלערן פון דעם הויף. דער יידישער וואוין־קוואַרטאַל איז אין דער צייט נאָך געווען אַן אָפּע־נער, און דער אויסטויש פון פאַרשידענע אַרטיקלען מיט דער פּוילישער גאַס איז נאָך אָנגעגאַנגען. אַ געוויסן טאָג איז דער יידישער וואוין־קוואַרטאַל פאַרפלייצט געוואָרן אויף אַ קאָנספּיראַטיוון אופן מיט פאַרשידענע קאָמוניקאַטן, בלעטלעך אַרויסגעגעבן פון די בונדישע, ציוניסטישע, פּאָלקיסטישע, רעליגיעזע אָרגאַניזאַציעס. די גרויסע צאָל אויסגאַבן האָבן זיך פּערמאַנענט באַוויזן ביזן פאַרמאַכן דעם וואַרשעווער געטאָ, אָקטאָבער 1940. שפּעטער איז רעדוצירט געוואָרן די צאָל אויסגאַבן, צוליב מאַנגל אין פּאַפּיר. דערפאַר אָבער זענען די פּובליקאַציעס געווען ערנסטע און האָבן אַנטהאַלטן אַ רייכן מאַטעריאַל. ס'איז ווערט אונטערצושטרייכן, אַז יידישע אונטערערדישע אויסגאַבעס האָבן ביז צום ליקווידירן דאָס געטאָ, נישט געהאַט קיין איינציקן דורכפאַל. דאַקעגן איז ביי דער גרופּע „סערפּ און האַמער" אין די חדשים אַפּריל און מאַי פאָר־געקומען רעוויזיעס און אַרעסטן.

וואַרשיינלעך האָט דאָס געהאַט אַ צוזאַמענהאַנג מיט די קלאַנגען וועלכע האָבן קורסירט אין וואַרשע, אַז די סאָוויעטן גרייטן זיך צו באַזעצן פּוילן ביז די אַמאָליקע צאַרישע גרענעצן פון פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. די אונטערהאַנדלונגען צווישן די סאָוויעטן און די נאַציס — ווי ס'האָט איבערגעגעבן דער שווייצאַרישער ראַדיאָ — דאַרפן אין קורצן ראַטיפיצירט ווערן. טייל אויסלענ־דישע ראַדיאָ־סטאַציעס האָבן איבערגעגעבן, אַז די סאָ־וויעטן דאַרפן אַריינמאַרשירן קיין פּוילן נישט שפּעטער ווי דעם 15-טן מאַי 1940.

די אַלע קלאַנגען האָבן געשאַפן ביי די לינקע גרופּי־רונגען (פּוילישע ווי יידישע) אַ פיבערהאַפטע שפּאַנונג. זיי האָבן זיך געגרייט פייערלעך אויפצונעמען די אַריינ־מאַרשירנדיקע רויטע אַרמיי. אין דער נאַכט פון 14 אויפן 15 מאַי 1940 האָבן זיך באַוויזן רויטע פענער אויף אַ גאַנצע ריי געביידעס אין די אַרבעטער קוואַרטאַלן פון וואָלע, אָכאָטע און פּראַגע. די פּראָ־קאָמוניסטישע אָרגאַני־זאַציע „סערפּ און האַמער" האָט שוין פון פריער געהאַט צוגעגרייט אַ גאַנצן אַפּאַראַט פון באַאַמטע, וועלכע וועלן דאַרפן איבערנעמען די אַדמיניסטראַציע אין די עפנט־לעכע אינסטיטוציעס. צווישן די באַאַמטע זענען געווען אויך יידן. די יידישע אָרגאַניזאַציע „סערפּ און האַמער" האָט אַרויסגעגעבן אַן אויפרוף אין יידיש וועגן אַריינמאַרש פון אונדזערע „באַפרייער" — די סאָוויעטן.

צום באַדויערן פון פיל יידן און נישט־יידן, זענען די סאָוויעטן נישט געקומען צו דעם טערמין — געקומען זענען די עס־עס האָרדעס, אַראָפּגעריסן פון די דעכער די רויטע פענער; אַרעסטירט די איינוואוינער פון די הייזער און איבער הונדערט מענטשן זענען געוואָרן דערשאָסן אין וועלדל נישט ווייט פון וואַרשע — פּאַלמיראַ. צווישן די אַרעסטירטע און שפּעטער דערשאָסענע, זענען געווען אויך יידן, מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע „סערפּ און האַמער".

נאָך די געשעענישן האָבן דיביידע אָרגאַניזאַציעס — די יידישע און די פּוילישע — אויפגעהערט צו עק־זיסטירן. ווי ס'האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, איז אין שפּיץ פון דער פּוילישער אָרגאַניזאַציע געשטאַנען אַ פּראָ-וואָקאַטאָר, וועלכער איז געווען באַקאַנט אַלס קאָמוניסט, אַן אויסגעשולטער אין מאָסקווע.

מער גליק האָט געהאַט אַ צווייטע יידישע אָרגאַני־זאַציע, וועלכע איז באַשטאַנען פון געוועזענע קאָמוניסטן־אינטעלעקטואַלן. די אָרגאַניזאַציע האָט זיך פאַרבונדן מיט אַ פּוילישער אָרגאַניזאַציע וועלכע האָט זיך גערופן „קאַמפּס אָרגאַניזאַציע פון אַרבעטער און פּויערים" — „ראָבאָט־ניטשאַ־כלאָפּסקאַ אָרגאַניזאַציאַ באָיאָוואַ" (ר.כ.אָ.ב.). די פּוילישע אָרגאַניזאַציע האָט געהאַט פאַרבינדונגען מיט אַ גאַנצע ריי יידישע קאָמוניסטן אין פאַרשידענע שטעט: ווי לובלין, ראַדאָם, קעלץ, וואַרשע, טשענסטאָכאָוו. אין וואַרשע איז אין דער אָנפירערשאַפט פון דער אָרגאַניזאַציע געשטאַנען דער ליטעראַט י. פעלד, שכנא פיינגאָלד און ש. האָפּמאַן. די יידישע אָרגאַניזאַציע האָט זיך נישט באַנוצט מיטן נאָמען ר.כ.אָ.ב., די גרופּע האָט זיך גערופן „מאָרגן פריי", און אונטער דעם נאָמען האָט זי אַרויסגעגעבן אַ ביולעטין געדרוקט אין הויז פון „טאָז" אויף גענשע 43. די דרוקעריי אין „טאָז" איז געווען אויסגעשטאַט מיט אַ פּעדאַל־דרוק־מאַשין און דער רעדאַקטאָר פון דעם ביולע־טין „מאָרגן פריי" איז געווען י. פעלד. דאָס וואָס די גרופּע האָט זיך באַנוצט מיט דער דרוקעריי פון „טאָז" איז געווען אַ דאַנק דעם, וואָס י. פעלד איז געווען דער לייטער און סעקרעטאַר פון „טאָז".

אין דער זעלבער דרוקעריי האָט די פּוילישע אָרגאַ־ניזאַציע געדרוקט אירע מאַטעריאַלן. די פּאָליאַקן זענען געווען די צושטעלער פון פּאַפּיר, פאַרב און שריפט אין

וו. יאַבלאָנסקי

# בלעטלעך פון יידישן ווידערשטאַנד קעגן נאַציזם

געווידמעט דעם 33־טן יאָרטאָג פון לעצטן
העראָישן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

נאָכן אָקופּירן פּוילן דורך די נאַציס אין 1939 האָט דאָס גאַנצע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע לעבן ביי יידן אויפגעהערט צו עקזיסטירן. אַ ריזיקער שטראָם פון פּליטים זענען געלאָפן קיין מזרח, די פּוילישע געביטן באַזעצטע דורך די סאָוויעטן. נאָך אַ קורצער צייט האָט דער מענטשן־שטראָם אָנגעהויבן גיין צוריק — צום נאַצי־אָקופּירטן פּוילן.

ס'זענען צוריקגעקומען קיין פּוילן אַ גאַנצע רייע געזעלשאַפטלעכע טוער — פון עקסטרעם רעכט, ביז קאָמוניסטן. די אַלע מענטשן זענען אַנטלאָפן פון די נעגל פון די סאָוויעטישע פאַרפאָלגונגען לגבי זיי.

ערב פרילינג 1940 אַנטשטייען פּיל אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס ביי פּאָליאַקן. ס'זענען אויך געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן געוואָלט זיך דעררעדן מיטן אָקופּאַנט און צוזאַמענאַרבעטן.

ביי יידן ווערן אויך געמאַכט פּרוון פון אָרגאַניזירן זיך. צום ערשטן אין קליינע גרופּן און שפּעטער אין אָרגאַניזאַציעס מיט אַ געזעלשאַפטלעכן פּראָגראַם. די פּוילישע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס האָבן נישט געהאַט קיין פאַרבינדונגען מיט דער שיקאָרסקי־רעגירונג אין פראַנקרייך, און דעריבער האָבן זיי נישט געהאַט קיין איינהייטלעכע ליניע אין דער פראַגע ווי אַזוי צו קעמפן קעגן נאַציזם און סאָוויעטישן אָקופּאַנט.

אין מערץ 1940 האָט די שיקאָרסקי־רעגירונג געשיקט קיין פּוילן אירן אַ פאָרשטייער. זיין אויפגאַבע איז געווען צו פאַראייניקן אַלע גרופּירונגען, וועלכע שטייען אויף דער באַזע פון קאַמף קעגן נאַציזם. אויסער דעם האָט זיך געהאַנדלט אין שאַפן אַ דעלעגאַטור פון דער שיקאָרסקי־רעגירונג אין נאַצי־אָקופּירטן פּוילן. אין דער דעלעגאַטור (רעגירונג) זאָלן אַריינגיין פאָרשטייער פון אַלע ריכטונגען וועלכע וועלן דאַרפן אָנפירן מיטן קאַמף קעגן נאַציזם אין לאַנד. נאָך שווערע און לאַנגע אונטערהאַנדלונגען, איז געשאַפן געוואָרן די אונטערערדישע רעגירונג מיט אַ געוויסן יאַנקאָווסקי אין דער אָנפירערשאַפט. צו די באַראַטונגען האָט די דעלעגאַטור נישט איינגעלאַדן קיין פאָרשטייער פון וועלכער נישט איז יידישער פאַרטיי.

דריי מיליאָן יידן, פּוילישע בירגער, האָבן פאַר דער דעלעגאַטור נישט עקזיסטירט. ס'איז אפילו נישט געשאַפן געוואָרן קיין קעמערל פאַר יידישע פּראָבלעמען. אין די עטלעכע צענדליק פאַרשידענע קעמערלעך וואָס די דעלעגאַטור האָט יאָ געשאַפן, ווי פון אַ מיליטערישער אָרגאַניזאַציע ביז האַנדל — איז אינטערעסאַנט דאָס יוסטיץ קעמערל, וואָס האָט געזאָלט פאַראורטיילן די פאַררעטער־קאָלאַבאָראַטאָרן און זיי ווי געהעריק באַשטראָפן. אין באַצוג צו יידן האָט דאָס יוסטיץ קעמערל קיין וואָרט נישט דערמאָנט. נישט וועגן די שמאַלצאָווניקעס, מערדער און אַנדערע פאַרברעכער, און נישט וועגן באַשטראָפן זיי.

פאַר די יידישע טוער איז נישט געווען קיין אַנדער וועג ווי אַליין, מיט אייגענע באַשיידענע מיטלען אָרגאַניזירן אַן אונטערערדישע באַוועגונג. עטלעכע פּוילישע לינקע אָרגאַניזאַציעס, מיט וועלכע די שיקאָרסקי־רעגירונג האָט נישט געוואָלט אונטערהאַנדלען, האָבן אָנגעבונדן קאָנטאַקטן מיט יידישע אָרגאַניזאַציעס אין געטאָ. דאָס זענען געווען אָפּאָזיציאָנעלע קאָמוניסטן, וועלכע זענען געווען פאַרביטערט צוליבן פאַנאַנדערלאָזן די ק.פּ.פּ. דורכן קאָמינטערן. דאָס פאַנאַנדערלאָזן דורך דעם קאָמינטערן אין אויגוסט 1938 די פּוילישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי, איז פאַר די פּאַרטיי־מיטגלידער געווען אַ שרעקלעכער קלאַפּ. ערשט שפּעטער איז קלאָר געוואָרן פאַר אַ סך קאָמוניסטן, אַז דער מאָלאָטאָוו־ריבענטראָפּ פּאַקט פון 22־טן אויגוסט 1939 איז געווען אַן אָפּמאַך צו ליקווידירן פּוילן און פאַנאַנדערטיילן דאָס לאַנד צווישן רוסלאַנד און דייטשלאַנד. דעריבער איז שוין פאַר סטאַלינען נישט נויטיק געווען צו האָבן אַ פּוילישע סעקציע אין „קאָמינטערן". שפּעטער איז אויך פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז אונטערהאַנדלונגען צווישן קאָמוניסטישן רוסלאַנד און נאַציסטישן דייטשלאַנד וועגן ליקווידירן פּוילן, זענען פאָרגעקומען שוין אין אָנהייב 1938.

די צוזאַמענאַרבעט צווישן פּוילישע און יידישע לינקע גרופּירונגען זענען אין אָנהויב געווען זייער גוטע. צוליב

---

געקענט אויסגעפינען די וואָרהאַפטיקייט פון האַרוואודס „ציפערן" און „באַווייזן".

דער שכל הישר זאָגט אונדז אונטער, אַז האַרוואודס פאַבריצירטע ליגנס וועלן נישט האָבן קיין אָפּקלאַנג ביים עלטערן דור, וועלכער איז געווען דער עדות פון דעם וואָס איז געשען. אָבער דער יונגער דור קען יאָ פאַרסמט ווערן, נישט אַזוי פון לייענען האַרוואודס בראָשור, נאָר פון דעם וואָס אַזאַ סאָלידער זשורנאַל ווי „ביכער און ביכער־מענטשן" האָט עס געלאָזט רעצענזירן און דערמיט געעפנט טיר און טויערן פאַר דער נאַציסטישער גיפטיקער נעאָ־פּראָפּאַגאַנדע. און דאָס איז די טראַגיק פון אונדזער צייט! דאָס איז אויך דער ענטפער פאַר וואָס מיר אָרדענען אין די געטאָ־אָוונטן, ספּעציעל וועגן וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, ווי אַ דערמאָנונג פאַר דער וועלט.

אויך די געטאָ־באַשרייבונגען פון עמנואל רינגעלבלום זענען אַ קאָמוניסטישע פאַבריקאַציע.

ריטשאַרד האַרוואוד איז אַן אומפאַרשעמטער פעל־שער אויך פון ציפערן. ער פעלשט די סטאַטיסטיק פון די פאָלקס־ציילונגען און „ציטירט" ציפערן פון יעקב לעשטשינסקי וואָס זענען פעלשונגען ממש אָנצוכאַפּן ביי דער האַנט, און מיר וועלן זיך מיט זיי דאָ נישט פאַרנע־מען, ווייל עס איז פשוט מוקצה מחמת מיאוס.

און וואָס זאָל מען זאָגן וועגן אַזאַ מין שרייבעכץ, אַז בעלזען איז אויסגעטראַכט געוואָרן דורך דער ענגלי־שער פרעסע און אַז גאַז־אינסטאַלאַציעס אין דאַכאַו זע־נען אויפגעשטעלט געוואָרן דורך די אַמעריקאַנער נאָך דער באַפרייאַונג. דאָס וואָס טויזנטער פרויען זענען פאַר־גאַזט געוואָרן אין ראַוועונסברוק, און אין דעם קאָמפּלעקס־לאַגער פון מאַטהאַוזען זענען אומגעבראַכט געוואָרן 130 טויזנט מענטשן און טויזנטער זענען פאַרגאַזט געוואָרן ווערט ציניש אָפּגעלייקנט פון האַרוואודן.

וואָס עס וואונדערט יאָ, איז נישט די בראָשור מיט די געמיינע ליגנס, נאָר וואָס ביז לעצטנס האָט קיין שום אינטעלעקטואַל מיט אַ נאָמען אין דער מערב־וועלט זיך עפנטלעך נישט אידענטיפיצירט מיט דעם באַרג ליגנס פון דער נעאָ־נאַצישער פּראָפּאַגאַנדע. איצט איז געקו־מען אין אַ לאָנדאָנער זשורנאַל פאַר ליטעראַטור („ביכער און ביכער־מענטשן") אַ מענטש מיט אַ ליטעראַרישן נאָ־מען און אָפּגעדרוקט אין דעם דערמאָנטן זשורנאַל אַ לויב־רעצענזיע פאַר דער נאַצישער בראָשור. דער נאָמען פון שרייבער איז קאָלין ווילסאָן און זיין רעצענזיע האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן שטורעם אין דער ענגלישער פּרע־סע און אַ שאַרפע פּאָלעמיק מיט אים מצד פאַרשידענע פּערזענלעכקייטן — יידן און נישט־יידן — וועלכע האָבן אין „בריוו אין רעדאַקציע" געטאַדלט דעם זשור־נאַל פאַר אָפּדרוקן קאָלין ווילסאָנס שענדלעכע רעצענזיע, און פאַר איין וועגס זיך אָפּגערעכנט אויך מיט דעם „פּראָ־פעסאָר" האַרוואוד און זיינע נאַציסטישע פעסטשטעלונגען.

מיט רעכט וויזן אָן אַ ריי פּערזענלעכקייטן, אַז ביז איצט האָט קיין שום לייטישע צייטונג און פּעריאָדיק נישט אָפּגעגעבן אירע שפּאַלטן פאַר נאַצישער פּראָפּאַגאַנדע, ווי עס איז געשען איצט מיט דעם זשורנאַל „ביכער און ביכער־מענטשן".

אט דער קאָלין ווילסאָן שרייבט נישט מער און נישט ווייניקער, אַז ער האָט אין זיין ביכער־שאַנק אַ פופציק ביכער וועגן דייטשן גענאָסיד אָן ווען ער האָט איבערגע־לייענט האַרוואודס בראָשור האָט ער עס אָנגעהויבן אָפּ־שאַצן פיל העכער ווי די פופציק ביכער. דער נעאָ־נאַצי־שער מחבר איז לויט אים באַצייכנט ווי „דער פּאָליטישער און דיפּלאָמאַטישער ספּעציאַליסט אין אַספּעקטן פון 2־טן וועלט־קריג". ער גיט נאָך צו אַזאַ „באחנטע" שטעלע, אַז ווען ער האָט גענומען לייענען די בראָשור האָט ער דער־וואַרט אַ גוואַלדזאַמע אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע און איז געוואָרן פאַרוואונדערט פון האַרוואודס טאָן, וואָס איז לאָגיש און ליגט זיך אויפן שכל". עס איז, לויט זיין אָפּ־שאַצונג, אַזוי שכל־הישרדיק און לאָגיש, אַז עס האָט אים איבערצייגט, אַז פיל, אויב נישט אַלע, פון זיינע בערך פופציק ביכער, וואָס באַהאַנדלען דעם נאַצישן גענאָסיד זענען פעלשונגען.

וואָס אַן אמת, האָט מיך קאָלין ווילסאָן נישט איבער־איבערראַשט. יעדעס מאָל ווען איך האָב געלייענט זיינע איבערזיכטן איבער ביכער וואָס באַהאַנדלען נאַצי־דייטש־לאַנד, האָב איך דערשפּירט אַז ער איז געכאַפּט אין דער מעשה... מיין געפיל האָט מיך נישט אָפּגענאַרט, ווען איך האָב געלייענט זיינע ענטפערס אויף די „בריוו אין רע־דאַקציע" (אין די ווייטערדיקע נומערן פון דעם אויבן דערמאָנטן זשורנאַל) וואו ער גיט זיך אַזאַ מין זאָג:

„איך וויל נביאות זאָגן, אַז אומגעפער אין אַ צען יאָר אַרום וועט אַ ישראל־היסטאָריקער אָנשרייבן אַ בוך מיטן קעפּל „דער מיטאָס פון די זעקס מיליאָן", און ער גיט דערביי צו ממזריש, אַז עס וועט דאַן אַרויסרופן אַ גרויסן סקאַנדאַל, מען וועט דעם שרייבער גוואַלדיק אַטאַ־קירן און ער וועט רייך ווערן"...

קאָלין ווילסאָן איז מסתמא אויך מסכים מיט ריטשאַרד האַרוואוד, אַז אַ דאַנק דעם וואָס עס איז פאַרשפּרייט גע־וואָרן דער מיטאָס וועגן דער דייטשער אויסראָטונג פון אייראָפּעאישן יידנטום „האָבן די ציוניסטן אַרויסבאַקומען פון דער ענגלישער רעגירונג דאָס פּאַלעסטינע־לאַנד און די ישראל־מלוכה". „עס איז מערקווירדיק — שרייבט ער — דער פאַקט וואָס דאָס יידישע פאָלק איז אַרויס פון דער צווייטער וועלט־מלחמה נישט ווייניקער ווי אַ טריאומ־פירנדיקע מינדערהייט, און מען קאָן נאָך צוגעבן, אויב איינער וויל זיין ערלעך, אַז אָט די שטאַרקייט איז פינאַנ־ציעל געוואָרן שטאַרק קאָנסאָלידירט דורך דער כלומרש־טער שחיטה איבער זעקס מיליאָן, וואָס איז בלתי ספק די אַממיינסטן פּראָפּיטירנדיקע גרויזאַמקייט־באַשולדיקונג פון אַלע צייטן"...

דער גיפטיק־אַנטיסעמיטישער אונטערשלאַק פון די אָקאָרשט ציטירטע שורות רייסט ממש די אויגן! און דאָס איז איצט די גאַנגבאַרע מטבע פון דער נעאָ־נאַצישער לי־טעראַטור וועגן דעם יידישן „שאַנטאַזש" אויסצופּרעסן פון דייטשלאַנד די אַנטשעדיקונגס־געלטער.

קאָלין ווילסאָן אין זיין ענטפער מיט די וואָס פּאָלע־מיזירן מיט זיינע באַהויפּטונגען גיט זיך אַ זאָג אַזוי אומ־שולדיק, אַז ער וואָלט געווען זייער צופרידן „אויב אַן אומ־אָפּהענגיקער אויספאָרשער וואָלט אַנאַליזירט אַלע פאַקטן פון ריטשאַרד האַרוואודס בראָשור און וואָלט פעסטגע־שטעלט, אַז האַרוואוד איז אַן אומפאַרשעמטער ליגנער". ווען ווילסאָן וואָלט נאָר אָנגעקלונגען צום וועלט־צענטער פון יידישער דאָקומענטאַציע, אָדער צום אינסטיטוט פאַר יידישע ענינים אין ווינער ביבליאָטעק, ווען ער וואָלט זיך נאָר געגעבן די מי אַריינצוקוקן אין הילבערגס בוך וועגן יידישן אומקום און געזען די סטאַטיסטיק, ווען ער וואָלט נאָר זיך אָנגעפרעגט אין איינער פון די פּוילישע עמיגראַנטן־ביוראָס אין לאָנדאָן, וואָלט ער זייער לייכט

נעאָ־נאַציסטישע צייטשריפט פון וועלכער דער אייגנטי־מער רופט זיך דזשאָן טינדאַל.

די וויטערדיקע נאָכפאָרשונגען האָבן אויפגעדעקט, אַז די נעאָ־היטלעריסטן אין דייטשלאַנד זוכן אויסלענדער, וואָס זאָלן פאַרשפרייטן זייער פּראָפּאַגאַנדע ריינצוואַשן די נאַציס. זיי זוכן אויס „פּראָפעסאָרן" אין ענגלאַנד, פראַנקרייך, אַמעריקע, וועלכע באַקומען מאַטעריאַלן פון דער „דויטשע נאַציאָנאַל צייטונג" (אַן אָרגאַן פון די נעאָ־נאַציסטן אין מערב־דייטשלאַנד). און אָט די מערבדיקע „וויסנשאַפטלערס" פאַרנעמען זיך מיט דער אַרבעט צו „באַווייזן", אַז די ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע האָט אויסגע־טראַכט דעם בלבול פון 6 מיליאָן אומגעבראַכטע יידן, אַז דאָס זענען „6 מיליאָן לעגענדעס" און „6 מיליאָן ליגנס".

אין אַמעריקע האָבן זיי אויסגעזוכט אַ געוויסן „קאַ־טוילישן פּראָפעסאָר", אָסטין י. עיפּ, וועלכן די „נאַציאָנאַל צייטונג" שטעלט פאָר אַז ער איז אַן אָנגעזעענער שפּראַך־פאָרשער און היסטאָריקער, אַ געזעלשאַפטלעכער טוער מיטן טיטול "דאָקטאָר פּראָפעסאָר", און איז אויך „ערן־פּרעזידענט פון דער פאַראייניקונג פון אַמעריקאַנער ביר־גער אָפּשטאַמיקע פון דייטשלאַנד". נאָכן באַקענען זיך מיט דעם לאַנגן יחוס־בריוו פון „קאַטוילישן פּראָפעסאָר" קומען זיינע „אַנטדעקונגען", וועלכע דער פאַשיסטישער אָרגאַן „נאַציאָנאַל צייטונג" האָט געגעבן אויף דער ערש־טער זייט, אונטער אַ שרייענדיקן קאָפּ: „דער גרויסער ליגן האָט געפּלאַצט".

אונטערן קאָפּ גייט דער אינהאַלט וועגן דעם „אויס־געטראַכטן ליגן פון מיליאָנען אומגעבראַכטע, בעת סך־הכל זענען נאָר אומגעקומען אַ פּאָר הונדערט טויזנט יידן און דאָס זענען גאָר געווען די וואָס האָבן געדינט בעת דער מלחמה אין די פּאַרטיזאַנער אָפּטיילונגען אויף דעם מזרח־פראָנט קעגן דער דייטשער אַרמיי. האָט מען זיי געכאַפּט און דערשאָסן. איז מה רעש? יידישע פּאַרטיזאַ־נער האָבן געמאָרדעט דייטשע זעלנער, האָט מען זיי אָפּ־געצאָלט מיט דער זעלבער מטבע. דער „געלערנטער פּראָ־פעסאָר" גייט ריינוואַשן די נאַציס, אַז אַלץ וואָס זיי האָבן געטאָן איז געווען אין איינקלאַנג מיט די אָנגענומענע אינ־טערנאַציאָנאַלע געזעצן.

דער נעאָ־נאַציסטישער „היסטאָריקער" זוכט אויך אויס אַן ענטפער פאַר וואָס האָבן די יידן אויסגעטראַכט די „6 מיליאָן לעגענדע". דאָס האָט דער ציוניזם און ישראל שאַנטאַזשירט דייטשלאַנד בכדי אויסצופּרעסן די אַנטשע־דיקונגס־געלטער. נאָך דער „היסטאָריש־וויסנשאַפטלע־כער" פעסטשטעלונג קומט פאָלגנדיקע דערקלערונג: „קיין איין איינציקער ייד איז נישט פאַרגאַזט געוואָרן אויף דער טעריטאָריע פון דייטשן רייך". וואָס שייך די פאַרנומענע געביטן האָט דער היסטאָריקער עפּעס יאָ געהערט וועגן געוויסע „אומגערעכטיקייטן" וואָס זענען באַגאַנגען גע־וואָרן לגבי יידן, עס זענען אָבער צען מאָל מער דייטשן אומגעבראַכט געוואָרן דורך די זיגערס בעת און נאָך דעם קריג. אויף אַזוי פיל דער „קאַטוילישער פּראָפעסאָר" אין אַמעריקע און זיינע אַפּוטרופּסים די „נאַציאָנאַל צייטונג" וואָס האָט צעשמירט מיט גרויסע קידוש־לבנה אותיות די געשיכטלעכע „אמתן" וועגן „זעקס־מיליאָנקן ליגן".

אין פראַנקרייך איז געווען טעטיק דער נאַצי־פּראָ־פּאַגאַנדיסט פּאַול רייזיגער. די אידייען וואָס ער האָט פּראָפּאַגירט זענען אידענטיש מיט די וואָס עס שרייבן די נעאָ־נאַצישע גרופּעס אין פאַרשידענע לענדער. הערט אַ מעשה: דריי מיליאָן יידן האָבן זיך פון נאַצי־אָקופּירטן אייראָפּע געראַטעוועט קיין האָנג־קאָנג און פון דאָרטן האָבן זיי זיך אַריינגעשמוגלט קיין אַמעריקע. האַרוואָוד פאַררופט זיך אויך אין זיין בראָשור אויף די אַרבעטן פון רייזיגער און ער גיט אים אַ ווידמונג. די אַרויסגעבערס פון דער בראָשור ציטירן רייזיגערן וועלכער — הערט נאָר דעם לשון! — „האָט געגעבן דעם גרעסטן צושטייער צו אַן אמתדיקער פאָרשונג וועגן דער אויסראָטונגס־פראַ־גע און פולשטענדיק אָפּגעפרעגט דעם מיטאָס פון זעקס מיליאָן און די לעגענדע פון נאַצישער טייוולאָנישקייט".

דאָ וועט זיין אויפן אָרט צו דערמאָנען, אַז בערנאַרד לעש האָט, אין זיין צייט, אין נאָמען פון דער אינטערנאַ־ציאָנאַלער ליגע קעגן אַנטיסעמיטיזם דערקלערט, אַז רייזי־גער האָט אין זיין בוך „געמאַכט יד אחת מיט זיינע נעאָ־נאַצישע פריינד". רייזיגער האָט דעמאָלט פאַרפירט אַ „לייבל"־פּראָצעס און אים פאַרשפּילט אין אַ פּאַריזער גע־ריכט. איצט האָבן זיך די פעלשונגען פון רייזיגערן באַוויזן אין אַ נייער אויפלאַגע, אונטער אַ נייער פירמע, מיט שענדלעכע געפעלשטע ציפערן און פאַקטן, ווי מיר וועלן עס באַלד באַווייזן.

ריטשאַרד האַרוואָוד שרייבט אין זיין בראָשור, אַז אוישוויץ האָט נישט געהאַט קיין גאַז־קאַמערן בעתן קריג. ערשט נאָך דער מלחמה האָבן די רוסן זיי אינסטאַלירט כדי צו פאַרשוואַרצן דאָס פּנים פון דייטשן פאָלק... און בכדי צו פאַרמאַסקירן זייערע אינסטאַלאַציעס, האָבן זיי, די רוסן, צען יאָר קיינעם נישט אַריינגעלאָזט אין דעם לאַגער. דער שקר שרייט דאָ פון יעדן וואָרט! גלייך ביים סוף פון קריג איז דער לאַגער געווען אונטער דער פּוילישער אַדמיניסטראַציע אָפן פאַר יעדן איינעם צו זען.

דער קאָמענדאַנט פון אוישוויץ, רודאָלף העס, האָט אין זיין טאָגבוך באַשטעטיקט, אַז עס זענען אומגעקומען אין זיין לאַגער דריי אַ האַלבער מיליאָן מענטשן, צווישן זיי — אַנדערטהאַלבן מיליאָן יידן. אויף דעם האָט ריטשאַרד האַרוואָוד אַ קלאָרן ענטפער: די מעמואַרן פון העס איז אַ קאָמוניסטישע פעלשונג. אויך דער טאָגבוך פון אַנאַ פראַנק איז אַ שווינדל און די ציפער פון איבער אַ מיליאָן אומגעבראַכטע יידישע קינדער איז נאָר אַן אָפּנאַרעריי; אַז אַלץ וואָס מען זאָגט וועגן די נאַצישע פאַרברעכנס איז איין גרויסער ליגן. די טויט־פאַבריקן אין טרעבלינקע, בעלזשעץ, סאָביבאָר, כעלמנאָ האָבן גאָר קיין מאָל נישט עקזיסטירט, מען האָט קיין מיליאָנען פּוילישע יידן נישט אומגעבראַכט. דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ איז גאָר נישט געווען צוליב דער אויסראָטונג פון יידן. עס איז געווען גאָר אַ קאָמוניסטישע פאַרשווערונג, און

ישעיה טאַוב

# מדינת ישראל מיט אירע מעלות

**(צום 28־טן יום־עצמאות)**

ראשית־כל וויל איך פאַרריכטן אַ פעלער, וואָס מיר באַגייען ביים באַצייכענען דעם יום־עצמאות אַלס געבוירן־טאָג פון דער זעלבשטענדיקער יידישער מדינה אין לאַנד פון ישראל. מיר טוען דערמיט אַ גרויסע עוולה דעם אמת פון אונדזער געשיכטע, ווייל די גרינדונג פון אַן אומאָפּ־הענגיקן יידישן שטאַט איז פאָרגעקומען אַ סך פריער — מיט עטלעכע טויזנט יאָר צוריק — און דאָס אויפקומען פון מדינת ישראל אין אונדזער צייט מוז ווערן באַטראַכט אַלס אַ תחית־המתים, אַ ווידערגעבורט און באַנייאונג פון אונדזער מלוכהשאַפט, פון וועלכער מיר זענען געווען באַ־רויבט אין משך פון כמעט צוויי טויזנט יאָר. אין עברית הייסט עס טאַקע ריכטיק: תקומת המדינה — דאָס צוריק־אויפשטעלן די מדינה.

אַרויסגייענדיק פון דער דאָזיקער הנחה פאַלן במילא אָפּ דער רוב טענות פון די שונאי־ציון, אַז יידן זאָלן האָבן אַריינגעדרינגען אין אַ לאַנד, וואָס איז נישט זייערס און אָקופּירט פרעמדע טעריטאָריעס, וועלכע האָבן צו יידן קיינמאָל נישט געהערט. דאָס איז זיכער נישט דער ער־שטער פאַל ווי צוליב פּאָליטישע טעמים ווערט אַ געשיכט־לעכער אמת געפעלשט. וואָס איז שייך דעם יידישן פאָלק איז עס אַ נייער אויסגעטראַכטער בלבול אויף אונדז אַלס המשך צו די אַלע שקרים און באַשולדיקונגען, וואָס די אומות-העולם האָבן אַזוי פיל מאָל אונדז צוגעשריבן און פאַר וואָס מיר האָבן אַזוי טייער באַצאָלט מיט מיליאָנען קרבנות.

מיר, יידן, האָבן אין אונדזער לאַנגער געשיכטע פיל מאָל געשלאָגן וועלט־רעקאָרדן נישט נאָר מיט ליידן, צרות, פּיין און בלוט פאַר פרעמדע זינד, נאָר אויך מיט געבן דער מענטשהייט גרויסע גייסטער, אינטעלעקטואַלן און פאָר־שער, וועלכע האָבן געשאַפן אַלגעמיין־מענטשלעכע ווערטן לטובת דעם גאַנצן כלל פונעם מין מענטש. עס איז בשום אופן נישט קיין „אתה בחרתנו" מאָטיוו נאָר אַ פאַקט. די דאָזיקע וועלט־רעקאָרדן אונדזערע זענען אַלעמען גוט באַ־קאַנט און עס איז איבעריק אָנגעבןביישפּילן.

היינט, אין 28־טן יום־עצמאות ווילט זיך דערמאָנען די מעלות פון דער אַלט־נייער, צי באַנייטער, מדינה פון ישראל, איר גרויסן פאַרנעם און אויפטוען פאַר דער קור־צער צייט פון איר עקזיסטענץ און די וועלט־רעקאָרדן וואָס זי האָט שוין געשלאָגן.

(המשך אויף זייט 20)

---

יצחק קאַהאַן

# די נעאָ-נאַציסטן און זייער פּראָפּאַגאַנדע ריינצוואַשן נאַציזם

אין דער מערב־דעמאָקראַטישער וועלט טומלט זיך לעצטנס מיט דער פּראָפּאַגאַנדע פון די נעאָ־נאַציסטן און זייערע „פּראָפעסאָרן", אונטער פאַרשידענע פּסעוודאָנימס, וועלכע זוכן צו פאַרלייקענען די מיליאָנען פון יידישן אומ־קום, די גאַז־קאַמערן, ווי בכלל די היטלעריסטישע גענאָ־סיד לגבי דעם יידישן פאָלק.

לעצטנס האָט זיך אין ענגלאַנד באַוויזן אַ בראָשור פון אַזאַ נאַצישן „פּראָפעסאָר", וועלכע איז געוואָרן פאַ־נאַנדערגעשיקט צו אַלע דעפּוטאַטן פון ענגלישן פּאַרלאַ־מענט און צו אַלע מיטגלידער פון „לאָרדן־הויז", ווי בכלל צו פיל אָנגעזעענע פּערזענלעכקייטן.

אין דער בראָשור אונטער דעם קעפּל „איז ווירק־לעך אומגעבראַכט געוואָרן זעקס מיליאָן?", ווערט דורכן מחבר ריטשאַרד הערוואוד דערציילט, אַז די יידי־שע פּראָפּאַגאַנדע האָט צוליב פּאָליטישע צילן אויסגע־טראַכט די לעגענדע פון די 6 מיליאָן אומגעבראַכטע יידן און פון אַ פּלאַנירטן אויסראָטונגס־פּלאַן קעגן יידישן פאָלק, אַז דאָס אַלץ איז אַן אויסגעטראַכטער ליגן.

דער מחבר פון דער בראָשור גיט זיך אָן ווי אַ פּראָ־פעסאָר פון אַ לאָנדאָנער אוניווערסיטעט. יידישע אָרגאַני־זאַציעס אין ענגלאַנד האָבן נאָכגעפאָרשט צו וויסן ווער עס איז דער פאַרשוין, וואָס רופט זיך ריטשאַרד הערוואוד און זיי האָבן פעסטגעשטעלט, אַז אַזאַ נאָמען איז לגמרי אומבאַקאַנט אין די לאָנדאָנער אוניווערסיטעט־קרייזן.

אַ זשורנאַליסט פון לאָנדאָנער „דיילי עקספּרעס", ווען ער האָט באַקומען די בראָשור, האָט אָנגעהויבן נאָכפאָרשן דעם גאַנצן ענין און ער האָט דערציילט די לייענער פון דער צייטונג, אַז „די היסטאָרישע איבערזיכט־פּרעסע" ביי אַ לאָנדאָנער אוניווערסיטעט איז נישט מער ווי אַ פיק־טיווער אַדרעס, און די פאַקטישע אַרויסגעבערס פון דער בראָשור (און די וואָס פאַרנעמען זיך מיט איר פאַרשפּריי־טונג) געהערן צום „נאַציאָנאַלן פראָנט" — אַ חודשלעכע

# צו דער יידישער באַפעלקערונג אין מעלבורן!

דינסטיק דעם 27־טן אַפּריל 1976 (כ״ז ניסן תשלו) וועט די גאַנצע יידישע וועלט אָפּצייכענען דעם 33־טן יאָר־טאָג פון אויסברוך פון אויפשאַנד אין וואַרשעווער געטאָ.

דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ שליסט אָפּ אַ העראָאישע עפּאָכע אין דער יידישער געשיכטע און איז אויך דער אָנזאָג פון אַ נייעם אָנהויב. עס איז געוואָרן דער סימבאָל פון יידישער העלדישקייט פון געאייניקטן קאַמף פון יידישן פאָלק קעגן זיינע שונאים.

יידן האָבן געקעמפט קעגן זייערע אונטערדריקער אין אַלע צייטן. דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ שטייגט איבער מיט זיין העראָאישקייט און איז די פּראָקלאַמאַציע, אַז יידן וועלן נישט מער זיין די געליטענע און פאַרפאָלגטע פון שפּאַנישער אינקוויזיציע, פון גירוש שפּאַניע, פּאָר־טוגאַל, ענגלאַנד און אנדערע לענדער, פון די צאַרישע פּאָגראָמען און נאַצישער פאַרניכטונג. דאָס איז געווען אַ ווידערשטאַנד אַקט נישט פון פאַרצווייפלונג נאָר פון האָפענונג און גלויבן.

מיר ערן די קעמפער און מאַרטירער נישט נאָר פון וואַרשעווער געטאָ, נאָר פון אַלע געטאָס פון אייראָפּע, יעדן קאָנצענטראַציע לאַגער, יעדע פּאַרטיזאַנער גרופּע וואָס האָט אויפגעהויבן די פאָן פון יידישן ווידערשטאַנד.

מיר ערן זייער אָנדענק און זייער נצחון — דעם נצחון פון יידישן קיום — וועלכער האָט דערפירט צו דער פּראָקלאַמאַציע פון מדינת ישראל.

ס׳ווערט פאַרשפּרייט דער עקלהאַפטער ליגן, אַז יידן זענען געגאַנגען ווי שאָף צו דער שחיטה — נאָר מיר געדענקען נישט נאָר וואַרשע, נאָר אויך סאָביבאָר, טשענ־סטאָכאָוו, טרעבלינקע, ביאַליסטאָק, מיידאַנעק, ווילנע, אָשוויענטשים און אַלע אַנדערע טויזנטער שטעט און שטעטלעך וואו יידן האָבן געשטעלט אַ מוטיקן ווידער־שטאַנד.

אַלע פּאַרטייאישע און אידייאישע אונטערשיידן זענען פאַרשוואונדן אין דעם געאייניקטן פראָנט אין קאַמף פאַר עם ישראל חי.

פאַרן יונגן דור געהערט דער אויפשאַנד אין וואַר־שעווער געטאָ — צו דער נישט-ווייטער פאַרגאַנגענהייט, אָבער דער רוף פון ווידערשטאַנד איז היינט צו טאָג אַ שטאַרקע דערמוטיקונג אין גלויבן פון דער אומבאַזיגבאַר־קייט פון יידישן פאָלק.

פאַרן כבוד פון די העלדן פון וואַרשעווער געטאָ אויפשטאַנד מוזן מיר אויפהאַלטן אונדזערע פאָלקס־טראַ־דיציעס, מוזן מיר זיך קעגנשטעלן דער כסדר־דראָענדיקער געפאַר פון אַסימילאַציע. טאָרן מיר נישט פאַרגעסן אונ־דזער יידישע קולטור און געשיכטע — כדי צו וועלן זיין אַזוי ווי אונדזערע שכנים. אויב אונדזערע עלטערן וועלן לערנען מיט זייערע קינדער יידישקייט — וועט די לערע פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ קיין מאָל נישט פאַרגעסן ווערן.

ס׳איז דער חוב פון יעדן פון אונדז צו פילן און טאָן אַזוי ווי מיר אַלע וואָלטן געווען מיט די קעמפער פון וואַר־שעווער געטאָ — מיט די קעמפער פאַרן יידישן פאָלק.

דאָס איז דער אָנזאָג — דער אָנזאָג פון די יידישע פרייהייטס-קעמפער!

מיר רופן אַלע יידן אין מעלבורן צו קומען מאָנטיק דעם 26־טן אַפּריל 1976 צו דער גרויסער טרויער־פייע־רונג צום 33-טן יאָרטאָג פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, וועלכע קומט פאָר 8 אַזייגער אָוונט אין גרויסן זאַל פון מעלבורנער טאָון־האָל, סיטי.

היט אָפּ דעם נאַציאָנאַלן טרויער און פאַרשוועכט אים נישט. כ״ז ניסן זאָל נישט פאָרקומען קיין שום פאַרוויילונג אָדער שמחה אין אַ יידישער שטוב אָדער אינסטיטוציע.

זאָל אין יעדער יידישער היים אָנגעצונדן ווערן מאָנ־טיק דעם 26־טן אַפּריל אין אָוונט (ערב כ״ז ניסן) ליכט לזכר די זעקס מיליאָן קדושים.

זכור את אשר עשה לך עמלק!

מיר וועלן קיין מאָל נישט מוחל זיין און קיין מאָל נישט פאַרגעסן זייער אומשולדיקן טויט!

כבוד די 6 מיליאָן יידישע קדושים און מאַרטירער!

אייביקער רום די געטאָ־העלדן!

ראַט פון יידישע פאָרשטייער אין וויקטאָריע
יידישער קולטור־צענטער און נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק „קדימה״
ציוניסטישער ראַט אין וויקטאָריע
קאַצעטלער פאַרבאַנד
און אַלע אָנגעשלאָסענע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס

מעלבורן, אַפּריל 1976

---

היי־יאָר קומט פאָר די הזכרה ביים מאָנומענט פון די קדושים זונטיק דעם 25־טן אַפּריל, 2.30 נאָך מיטאָג, אויפן קאַרלטאָנער בית־עולם.

איך בין דער וואָס קריכט אין רינשטאָק
מיט דעם קאָמיש־טראַגישן שפּיציקן הוט...
די שקצים חוזקן פון מיר, זיי וואַרפן שטיינער.
נעכטן האָב איך פאַרגאָסן גויאיש בלוט פאַר מיינע מצות,
היינט האָב איך די ברונעמער פאַרסמט...
אין יעדן שטעטל, אין יעדן לאַנד
ווער איך פאַרשלונגען פון פייער און האַס,
אין די שחיטות פון אינקוויזיציעס, בלוט־בלבולים און
פּאַגראָמען —
אָבער איך לעב נאָך — איך בין דער ייד.

איך בין דער טרעגער פון דער געלער לאַטע...
פאַרמאָגערטע, אויסגעדאַרטע פּנימער הינטער
עלעקטריש־שטעכיקן דראָט.
מיינע וועכטערס לאַכן ווען אַ קינדס קעפּל ווערט
צעשמעטערט
פון אַ נאַצישן שטיוול...
אין דעם בנין אויף רעכטס עקספּערימענטירט מען
אויף יידן,
פאַרן גלאָריעדיקן תמצית פון נאַצישער מעדיצין.
אין דעם בנין אויף לינקס מאַכט מען אַבאַזשורן פון הויט...
אַן אומאויפהעריקער חיה־וואָגן עפנט זיך,
אַן אַלטער ייד פאַלט אונטער דעם טויער, וואו
„אַרבייט מאַכט פריי!"
בוכענוואַלד, דאַכאַו, כעלמנאָ, מיידאַנעק, טרעבלינקע,
סאָביבאָר, בעלזען, אוישוויץ —
צען טויזנט יידן איך איין טאָג.
הימלער, שטרייכער, היידריך, איכמאַן —
זעקס מיליאָן!
די גאַז־קאַמערן —ווערן אָנגעפילט און אויסגעליידיקט,
די לעבעדיקע מתים רוימען אַוועק די קרבנות —
מאָרגן וועלן זיי פאַרנעמען דאָס אָרט...
די קרעמאַטאָריעס ברענען כסדר —
זעקס מיליאָן...
זעקס מיליאָן מוז מען געדענקען!
קיין איין מיליאָן טאָר מען נישט שענקען
אָבער איך האָב איבערגעלעבט...
ווי אַ בר־מינן, וואָס וועקט צווישן טויטע,
בין איך געשטאַנען צווישן די ביינער
און אויפגעהויבן מיין פויסט צו דער וועלט.
נאָר דאָס פייער, וואָס האָט געשטעלט אין סכנה מיין לעבן
ברענט נאָך היינט.
עס האָט געברענט — עס וועט אַלע מאָל ברענען...

פּעפער, קוויטקאָ, בערגעלסאָן, מאַרקיש, האָפשטיין,
כאַריק, קולבאַק —
ביים צווייטן היטלער.
אויך ער האָט נישט מצליח געווען, אָבער —
„איך וויל עמיגרירן קיין ישראל..."
„איר האָט פאַרלוירן אייער אַרבעט!"
„איר ווערט פאַרשיקט אין אַן אַרבעט־לאַגער!"
שלח את עמי!
פּאַנאָוו, יאַקיר, ווילענקין...
שלח את עמי!
מען פייניקט מיך — איך טאָר נישט לערנען יידיש,
העברעאיש —
ק.ג.ב., סיביר,
רוסישע פּאָליציי שטייט אין דרויסן פון דער שול...
„זשיד! זשיד! זשיד!"

אין איראַק, אין סיריע —
אַ קינד לויפט:
„מיין טאַטע איז פאַרשוואונדן! ער איז געגאַנגען אין
דער שול, אָבער —
„מען וועט אים דיר באַווייזן — אַן אויפגעהאָנגענעם!"
אָן אויפהער די מורא,
זיי שטייען הינטער אַ גרויסע שויב
און קלאַפּן און שרייען —
און מען הערט זיי נישט,
מען הערט זיי נישט...

מיין ירושה איז דריי ימען:
איינער פון בלוט,
איינער פון טרערן,
איינער פון — האָפענונג.
דער עבר האָט מיך נישט געקענט פאַרטיליקן,
אויך דער איצט קען נישט זיגן איבער מיר.
און דער עתיד?...
אפילו אויב איך ווער שוואַכער, ווען עס ברעכן זיך אָפּ
צווייגלעך פונעם גרויסן בוים —
איך וועל אַרויסקומען פון יעדן פייער לעבעדיקערהייט!
איך וועל אַרויסקומען פון יעדן חורבן מיט
אַן אויפגעהויבענער פויסט!
קוק נישט אויף מיין פּנים, וועלט!
אויף דער אויבערפלאַך קען מען ווייניק וואָס דערקענען...

איזי אוניקאָווסקי

# דער ייד

קוק נישט אויף מיין פּנים,
אַ פּנים פון יאָרן,
אַ פּנים גראַווירט פון וויסן,
גראַווירט מיט יסורים —
אַ פּנים קדמוניש.
אָבער מיין אָפּגעלעבט־צעבראָכענער גוף
אַנטהאַלט אַ פייער, אַ הייליק פייער,
אייביק אין פאַראייניקונג מיט שכינה.
מיין פּנים איז עלטער פון דעם לאַנד וואו איך וואוין —
אָבער איך בין נישט אַלט, איך בין איבערצייטיש,
מיין קול ציטערט נאָך יאָרהונדערטער פון יללות...
איך אַליין פאַרשטיי נישט די טיפקייט פון מיין נשמה.
אָבער איך לעב — דאָס איז אַ נס.
זיי האָבן געוואָלט מיך דערהרגענען,
אָבער פון מיטן חורבן הייב איך אויף אַ פויסט —
איך בין דער ייד.

מיין ירושה איז דריי ימען.
דער ערשטער איז אַ ים פון בלוט...
ער קאָרטשעט זיך אין ווילדע שטורמען,
און דער ברעג איז נישט זאַמד נאָר אויסבליאַקירטער ביין.
איך וויין אויף דעם ברעג פון דעם בלוטיקן ים,
איך קלאָג נאָך די מיליאָנען, וואָס ליגן אויף זיין טיף...
און יעדער איז געשטאָרבן, ווייל ער איז — איך.
דער ים איז אַ כסדרדיקע דערמאָנונג,
אַלע מאָל פאַר מיינע אויגן.
עס דערמאָנט מיך אין — ווער איך בין!
די כוואַליעס שרייען יתגדל!
דער ים איז מיינער — איך בין דער ייד.

דער צווייטער ים איז פון טרערן...
עס איז דער ביטערסטער ים.
גרויסע וואָלקנס פון צער רעגענען
אויף מענטשן ביי דעם ברעג.
זיי וויינען, קלאָגן, בעטן רחמים —
זיי האָבן פאַרלוירן זייערע פאַמיליעס,
זייערע זין און טעכטער, טאַטעס און מאַמעס,
זיי זענען דערטרונקען געוואָרן...
און די לעבעדיקע גערענקען,
זיי זענען די עדות פון מיין טויט,
זיי זענען די איבערבלייבערס—די מכה האָט זיי פאַרמיטן...
דער ים איז מיינער — איך בין דער ייד.

דער לעצטער ים איז אַ ים פון האָפענונג,
אויף זיינע ברעגן קען איך געפינען
דעם כוח צו פאַרגעסן דעם נעכטן,
דעם כוח צו פאַרבייגיין דעם היינט,
דעם כוח צו לעבן פאַרן מאָרגן.
וואָס גרעסער די ימען פון בלוט און פון טרערן —
אַלץ מער שיינט דער ים.
וואָס גרעסער מיין פּיין, וואָס ערגער די יסורים —
אַלץ מער און מער געפין איך דאָרט כוח:
איך וועל נישט שטאַרבן!
דער ים טראָגט מיינע תפילות,
ער טראָגט מיין צער,
מיט טראָציקייט רופט ער: „שמע רבא!"
דער ים איז מיינער — איך בין דער ייד.

---

הומאַניטאַרע קעמערלעך, וועלכע זענען נאָך פאַרבליבן אין אָרגאַניזם פון דער וועלט. איר צושטאַנד איז — כאַאָטי־שער פיבער צווישן אינטעלעקטואַלן און טעכנאָלאָגישן שוואונג און צוריקקער צום באַרבאַריזם און דזשונגל־מאַראַל.

צום 33־יאָריקן געדענקטאָג פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד דערמאָנען מיר אונדזערע קדושים וועלכע האָבן זיך העלדיש אַנטקעגנגעשטעלט דעם נאַציזם — זיי האָבן געפילט זיין צעשטערערישע קראַפט נישט נאָר פאַרן יידישן פאָלק, נאָר אויך פאַר דער וועלט.

מעגלעך, געוויסנהאַפטע פירער פון מדינות, געוויסנ־האַפטע פּאָליטיקער, פילן און שאַצן אָפּ דעם צושטאַנד פון דער וועלט, זיי ווילן אָבער נישט מודה זיין, אַז דאָס איז די ירושה פון נאַציזם, וואָס האָט פאַרסמט דעם אָרגאַניזם פון דער וועלט; ווייל דעם נאַציזם האָט מען באַזיגט מיליטע־ריש, אָבער „פאַרזען" אָנצונעמען געהעריקע פּסיכאָלאָגישע מיטלען, אַז די באַצילן פון אַט די צעשטערערישע אידייען זאָלן זיך נישט איינפלאַנצן אין אַנדערע מוחות.

30 יאָר נאָכן וועלט־קריג ליידן מיר נאָך אַלץ, כאָטש אומשולדיקע קרבנות, פון דער וועלטס קאָנוואולסיעס.

אין יאָרטאָג פון חורבן (און נישט בלויז אין דעם טאָג) דאַרפן מיר אָנווייזן דער וועלט דעם מקור פון איר קראַנקהייט צו וועלכן זי באַציט זיך גלייכגילטיק.

אפשר וועט זי זיך פאָרט פרווון היילן.

מ. א.

# מעלבורנער בלעטער

ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכע אויסגאַבע

אַפּריל 1976 | נומער 2 (3) | מעלבורן, אויסטראַליע

# אין טאָג פון דערמאָנונג

די שואה — די טראַגעדיע פון מזרח־אייראָפּעאישן צווייג פון יידישן פאָלק בשעת דער צווייטער וועלט־מלחמה (1939־1945) האָט אין די אויגן פון דער נישט־יידישער וועלט אויסגעזען ווי דער פאַרניכטונגס־פּראָצעס פון איין פאָלק; דערצו נאָך אַ פאָלק וועמענס געשיכטע איז אַ קייט פון פאַרפאָלגונגען, פּאָגראָמען, שחיטות. פאַר זיי איז עס געווען אַ ריין יידישער ענין. די פעלקער וועלכע האָבן געקעמפט קעגן די נאַצישע אַרמייען, האָבן די מלחמה באַטראַכט ווי אַ נאָרמאַלע מלחמה (אויב אַ מלחמה קאָן בכלל באַטראַכט ווערן ווי אַ נאָרמאַלע דערשיינונג), ווי איינע פון די אומצאָליקע מלחמות אין דער וועלט־געשיכטע, וועלכע פאַרענדיקט זיך מיטן זיג איבערן קעגנערס אַרמייען.

די מעטאָדן פון מאַסן־מאָרד, וועלכע די נאַציס האָבן אָנגעווענדן צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון דער ציוויליזירטער וועלט, אַ מעטאָד באַגרינדעט יורידיש דורך דיפּלאָמירטע יוריסטן און סאָציאָלאָגן, מעטאָדיש און קאָנסעקווענט דורכגעפירט דורך אַ לעגאַלן רעגירונגס־אַפּאַראַט — האָבן פונדאַמענטאַל אויפגעטרייסלט די יסודות פון דער ציוויליזירטער (און נישט נאָר ציוויליזירטער) וועלט. די דאָזיקע אויפטרייסלונג וואָס האָט געדאַרפט קומען נאָך דעם ווי די געזעצן זענען פּראָקלאַמירט געוואָרן און גענומען דורכגעפירט ווערן אין לעבן — האָט די וועלט באַטראַכט ווי אַ געשעעניש, פון וועלכער זי איז אימוניזירט.

30 יאָר נאָכן פאַרענדיקן די מיליטערישע אָפּעראַציעס, 30 יאָר נאָכן פאַלן פון נאַצישן רעזשים, פילט די וועלט די אויסווירקונג פון יענע וויסנשאַפטלעך־באַגרינדעטע און יורידיש־באַרעכטיקטע מאַסן־מאָרדן איבער יידן צו וועלכע זי האָט זיך גלייכגילטיק צוגעקוקט. פאַרכאַפּונגען פון אַעראָפּלאַנען, באָמבע־אויפרייסן אויף אַעראָדראָמען, פאַרכאַפּונג פון צוגן און אַמבאַסאַדעס, פאַרכאַפּן מענטשן און מערדערייען; הונדערטער אומשולדיקע קרבנות פון טעראָר, נישט נאָר אין מדינת־ישראל — אפילו אַראַבישע קרבנות (כאָטש די אַראַבער באַצייכענען זייער באַנדיטיזם ווי פרייהייטס-קאַמף קעגן ציוניזם) — דאָס זענען די „נאָרמאַלע" דערשיינונגען פון טאָג־טעגלעכן לעבן, צו וועלכע די וועלט האָט זיך שוין צוגעוואוינט און מיט וועלכע זי האָט, אין איר אומבאַהאָלפנקייט, שלום געמאַכט. רעגירונגען פירן אונטערהאַנדלונגען מיט פירער פון באַוואָפנטע באַנדעס, מען גיט נאָך זייערע פאָדערונגען און מען באַפרייט מערדער וועלכע האָבן אָן שום סיבה דערמאָרדעט אומשולדיקע מענטשן; מען באַזאָרגט זיי מיט געלט און טראַנספּאָרט־מיטלען, מען גיט זיי אַזיל־רעכט און אַפילו אויפנאַמעס, ווי זיי וואָלטן געווען נאַציאָנאַלע העלדן.

די אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער, וואָס איר פּלאַטפאָרם איז פעלקער־פריינטשאַפט און קאָאָפּעראַציע — אויך זי האָט אָנערקענט דעם פירער פון אַ טעראָריסטישער באַנדע און אים געגעבן די מעגלעכקייט צו פּראָקלאַמירן זיינע „אידייען" פון איר טריבונע.

ווי מילבן האָבן די מיקראָבן פון נאַציזם צעפרעסן דאָס געוויסן פון דער ציוויליזירטער וועלט, און מיר זעען די צעקאַלטשעטע, קראַנקע, בלוטלאָזע הומאַניסטן וועלכע קלאַמערן זיך אין לויזע, גאָרנישט מיינענדיקע דעמאָקראַטישע באַגריפן, ווי אַ באַרעכטיקונג פון זייער אומווילן דורכצופירן די דעמאָקראַטישע פּרינציפּן אין לעבן. די וועלכע זענען נאָך נעכטן געווען קאַניבאַלן און טראָגן היינט טאָגעס פון ריכטער, האָבן אַרויסגעטראָגן זייער אורטייל איבערן יידישן פאָלק — דורך באַצייכענען די ציוניסטישע באַוועגונג ווי אַ ראַסיסטישע.

אויך דער סאָוויעטישער קאָמוניזם, וואָס האָט — ווי אַ געשלאָסענע צענטריסטיש־קאָנטראָלירטע פּאַרטיי, נישט געקאָנט — אָדער גאָר נישט געוואָלט! — אַנטקעגנשטעלן זיך דאָס אַריינדרינגען פון דער נאַצי־פּסיכאָלאָגיע אין איר פּאָליטישן סיסטעם, איז געווען צווישן די אונטערשטיצער פון דער אַנטי־ציוניסטישער (אַנטי־יידישער) רעזאָלוציע. מעגלעך, סאָוויעט־רוסלאַנד האָט איר אייגענעם חשבון. וואָרעם עס ווערט טראַגיש קלאָר: די אַלע וועלכע ווילן (און וועלן) דורכפירן רדיפות, פאַרפאָלגונגען, באַגרענעצונגען אויף יידן, וועלן אויסנוצן די שענדלעכע רעזאָלוציע כדי צו באַרעכטיקן זייערע מעשים.

דער ראַק פון נאַציזם, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ יידישע קרענק, פון וועלכע אַנדערע פעלקער האָבן זיך געפילט באַוואָרנט, הויבט אָן ביסלעכווייז אָפּצוטויטן די

1943 כ״ז ניסן תשל״ו 1976

# גרויסע טרויער-אַקאַדעמיע

## צום 33־טן יאָרטאָג פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

מאָנטיק דעם 26־טן אַפּריל 1976, 8 אָוונט אין גרויסן זאַל פון טאַון האָל, סיטי

גאַסט־רעדנער: **חיים לאַזאַר** (ישראל)

געטאָ־קעמפער, פּאַרטיזאַנער, היסטאָריקער פון יידישע גבורה און העראָאיזם

ארגאַניזירט דורך: ראַט פון יידישע פאָרשטייער אין וויקטאָריע
יידישער קולטור צענטער און נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק „קדימה"
ציוניסטישער ראַט אין וויקטאָריע
קאַצעטלער פאַרבאַנד
און אַלע אָנגעשלאָסענע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס

ציוניסטישער ראַט אין וויקטאָריע — המועצה הציונית בויקטוריה

# 28-טער יום העצמאות
# גענעראַל חיים בר-לב

מיניסטער פאַר האַנדל און אינדוסטרי און געוועזענער שעף פון גענעראַל-שטאַב

וועט היי־יאָר זיין דער גאַסט־רעדנער אויף דער יום העצמאות פייערונג

דינסטיק דעם 4־טן מאַי 1976, 7.45 אָוונט, אין דאַלאַס ברוקס האָל

בילעטן צו באַקומען פון זונטיק אָן, דעם 18־טן אַפּריל ביי: באַלבערישסקים, ישראל־שאָפּ און קאַנטאָרס

**With Compliments of . . .**

## Klad-Ease, Gigi, Princess Style

# JASBOR MANAGEMENT Co. Pty. Ltd.

165 ROSE STREET, FITZROY, VIC. 3065

Telephone: 41-2542

**Printed by E. H. Gibbs & Sons, 19 Niagara Lane, Melbourne, for the publisher S. Goldstein, 7 Selwyn Street, Elsternwick, Victoria, 3185, Australia**

# מעלבורנער בלעטער

## 1943 געטאָ-נומער 1976

### אייביקער כבוד די קעמפער פון וואַרשעווער געטאָ


| | | |
|---|---|---|
| מ. א. | — אין טאָג פון דערמאָנונג | 1 |
| איזי אוניקאָווסקי | — דער ייד (פּאָעמע) | 2 |
| | צו דער יידישער באַפעלקערונג אין מעלבורן (אויפרוף) | 4 |
| ישעיהו טאָוב | — מחינת ישראל מיט אירע מעלות | 5 |
| יצחק קאַהאַן | — די נעאָ-נאַציסטן און זייער פּראָפּאַגאַנדע רייִנצוואַשן דעם נאַציזם | 5 |
| וו. יאַבלאָנסקי | — בלעטלעך פון יידישן ווידערשטאַנד קעגן נאַציזם | 8 |
| י. אָרבאַך | — צום הייליקן אָנדענק פון אַנאַ פראַנק | 11 |
| אַ. זשעלעזניקאָוו | — „אויף אַ בית-עלמין מאַכט מען נישט טעאַטער" | 12 |
| י. מ. לעווין | — בדמיך חייו | 13 |
| דוד האָפשטיין | — רגעס | 13 |
| יעקב ראָטבאַום | — מיין קוזמיר, מיין שטעטעלע קוזמיר... | 14 |
| י. אָרבאַך | — צו נייע דערגרייכונגען | 17 |
| י. גיליגיטש | — ריטעם און פערזנבוי | 18 |
| | די וועלט-קאָנפערענץ פאַר יידיש אין ישראל | 19 |
| סענדער בורשטין | — אַזוי האָט עס זיך אָנגעהויבן... | 21 |
| י. מ. לעווין | — „דער פּלאַן מוז ווערן אויסגעפירט" | 24 |
| | יאָסל וואַרשאַווסקי-דאַרעמבום | 26 |
| מאַרק אַ. | — חשובע געסט אין מעלבורן | 27 |
| אַ. אייזענער | — אויפן שפּיץ פעדער | 28 |



ארויסגעגעבן דורך דער „קדימה" אין מעלבורן, אויסטראַליע

מעלבורן נומער 2 (3) אַפּריל 1976